בס"ד

# הקריה

Hakiryah

תשרי–חשון תשע"ב לפ"ק

129

קרית יואל יצ"ו

## חובת השעה:

# תושבי קרית יואל וועלן שטימען אין מאסן קומענדיגן דינסטאג אין גאר וויכטיגע "נאוועמבער וואלן"

קרית יואל בלאק וואוט

דער סימבאל פון אחריות פונעם יחיד פאר'ן ציבור

## איינוואוינער פאראייניגט אנצוהאלטן דעם "קרית יואל בלאק וואוט"

געציילטע טעג טיילט אונז אפ פון די נאוועמבער וואלן, וואס ווערן יערליך אפגעהאלטן אין גאנצן לאנד. דעם קומענדיגן דינסטאג ויראּ, למס' נאוועמבער 8, קומט פאר גאר וויכטיגע לאקאלע וואלן וואו עס וועלן ערוועלט ווערן וויכטיגע פאזיציעס אין די לאקאלע טאון רעגירונג.

אין די היי יעריגע "נאוועמבער וואלן" זענען פאראן עטליכע ערנסטע פארמעסטן אויף די פאזיציעס פון טאון קלוירק, טאון קאונסילמאן, הייוועי סופעראינטענדענט, און טאון אויף מאנראו, און די וואל קאמיטע פון אנ"ש האבן אינדארסירט די קאנדידאטן וועלכע האבן אלע א לאנגע רעקארד פון פריינדשאפט און הילפסגרייטקייט פאר קרית יואל אויף טריט און שריט.

עס זענען אויך דא אנדערע פארמעסטן פון עטליכע סופרים קאורט ריכטער און לאקאלע טאון ריכטער, פאר וועמען מען גייט אפגעבן די שטימען דעם קומענדיגן דינסטאג, צווישן די זענען דא עטליכע גוטע פריינד פאר קרית יואל, וואס שטייען אין זייער ענגע פארמעסטן.

די לאקאלע טאון וואלן טראגן מיט זיך היי יאר גאר א וויכטיגן באדייט, בשעת קרית יואל האלט אינמיטן אויפבויען דעם ריזיגן "קינדער פארק" אויף א שטח פון 10 אקער לאנד וואס געפינט זיך אונטער די טאון גרעניצן, און קרית יואל קען אויסשטיין פארשידענע ביוראקראטישע שוועריגקייטן וואס קענען שטארק פארגרינגערט ווערן דורך ווייטער פארמאגן אפענע טויערן אין די טאון רעגירונג.

ווי אויך דארף גענומען ווערן אין באטראכט דאס וואס דער ווילידזש האט ב"ה מצליח געווען פארגאנגענעם יאר אריבערצוברענגען קיין קרית יואל דעם פראצעדור פון מאכן מערידזש לייסענס, וועלכע ווערט דורכגעפירט אונטער די אויפזיכט פון די טאון רעגירונג, און די טאון באאמטע

(פארזעצונג אויף זייט 9)

אנשי שלומינו דקרית יואל

ANASH United Citizens of Kiryas Joel

## העפטיגע ארבייט ביים "קרית יואל קינדער פאַרק" ברענגט טעגליכע פארשריט

### גאנצער שטח אויסגעגליכן - צעמענטענע קוירבס אינסטאלירט - געגאסן די פעיוומענט פאר די פארקינג לאטס אין דעם פארק

דער חול המועד איז שוין נאכאמאל אדורכגעגאנגען און עס האט זיך געגלוסט זיך ארויסצוגיין מיט די קינדער זיך אויסלופטערן אין א היימישן פארק, און טאקע דערפאר ווערט מיט א פריידיגע אינטערעסע אויפגענומען די נייעס אז די אומאויפהערליכע ארבעט ביים קרית יואל קינדער פאַרק איז ב"ה עושה פירות, און די פארשריט אויפ'ן ארט רוקט זיך מיט גאר שנעלע טריט.

תושבי קרית יואל קוקן שוין שטארק ארויס אויף דעם עפענונג פון דעם פארק, נאכדעם וואס די ווילידזש האט שוין במשך די יארן געהאט פארשידענע פלענער אויפצושטעלן אזא פארק פאר דעם געברויך פון קרית יואל, אבער צוליב פארשידענע שטרויכלונגען ביי יעדן פלאן באזונדער איז עס ביז יעצט קיינמאל נישט צושטאנד געקומען.

עס איז שוין יארן וואס עס פעלט זיך אויס א קינדער פאַרק פאר קרית יואל. ספעציעל שפירט זיך דער געברויך דערצו, אין די זומער וואכן ווען עלטערן זוכן א פלאץ וואו די קינדער זאלן קענען אביסל שפילן און פארברענגען אין די פרייע צייט,

(פארזעצונג אויף זייט 11)



## א יאר צום געדענקען...

# ת'פארת ע'ירנו - א'נשי ש'לומינו

א ברייטערן איבערבליק איבער די אקטיוויטעטן להרחבת גבולי הקדושה בעיר קרית יואל אין דעם פארלאפענעם יאר תשע"א, וואס רעכנט אריין מולטי מיליאן דאלארדיגע פראיעקטן און נייע נויטוויכטיגע סערוויסעס פון וואס יעדער יחיד איז נהנה, וואס איז בעז"ה צושטאנד געקומען דורך די חברי הנהלת הקריה אן דארפן העכערן דעם "ווילידזש טעקס" פאר'ן ציבור אפי' מיט 1 דאלאר

זייט 15

בס"ד

# וויכטיגע מעלדונג

## דעם קומענדיגן דינסטאג פ' וירא
ולמספרם Nov. 8
## קומט פאר די יערליכע

# גאר וויכטיגע וואלן

**וואו עס לויפן די קאנדידאטן וועלכע שטעלן זיך ארויס לטובת קרית יואל**

!

מיר אפעלירן צו אלע איינוואוינער אין קרית יואל

## ארויסצוגיין שטימען מיט א פאראייניגטן כח

פאר די אנ"ש-אינדארסירטע קאנדידאטן

**די וואלן וועלן אפגעהאלטן ווערן אין די זאלן פון קרן ויואל משה**

## 55 פארעסט רד.

די פאולס זענען אפן פון 6:00 אינדערפרי ביז 9:00 ביינאכט

מיר פאדערן אויף יעדן איינציגן שטים בארעכטיגטן
צו שפענדן די געציילטע מינוטן, פאר'ן עתיד פון קרית יואל

**די וואל קאמיטע**
שע"י "אנשי שלומינו דקרית יואל"

# וואסער קריזיס אין די שטאט פאר עטליכע שעה נאך מאַסיווע וואַסער ליק אין מעין פייפ אויף גאַרפיעלד ראָוד

קרית יואל. די וואַסער דעפּאַרטמענט האָט געמוזט פאַרגאַנגענעם שמחת תורה צופרי זיך ספּראַווען מיט אַ שווערן וואַסער ליעק אויף גאַרפיעלד ראָוד.

די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן אַכט אַזייגער אינדערפרי, ווען אַ לאָך האָט זיך צועפענט אונטער'ן שאָסיי אויף גאַרפיעלד ראָוד נעבן איהעל קאָורט און ריזיגע קוואַנטומען וואַסער האָבן אַרויסגעשטראָמט און האָבן געשאַפן אַ טייכל אויף גאַרפיעלד ראָוד.

ביז אַ קורצע צייט האָבן די הייזער העכער דעם ליעק שוין נישט געהאַט קיין וואַסער, און אַנדערע הייזער האָבן געהאַט נידריגע פרעשור און אַ פאַרקלענערטן וואַסער שטראָם.

ביז מען האָט אָנגעיאָגט צו טאָן עפּעס האָט מען שוין געהאַט פאַרלוירן כמעט 25 פּראָצענט פונעם וואַסער אינעם וואַסער טאַנק אויף דינוב קאָורט, וואָס מיינט בערך 100,000 גאַלאָנען וואַסער.

געווענליך פארמאגט די ווילידזש ספעציעלע שבת גוים, וואָס שטייען גרייט שבתים וימים טובים אויף אַן עמוירדזשענסי אינעם ווילידזש וואַסער דעפּאַרטמענט, וואס זיי געפונען זיך אין קרית יואל עטליכע שעה אין טאג וואס אויב עס האט פאסירט עפעס וואס מען קען נישט ווארטן אויף נאך שבת וועלן זיי קעיר נעמען דערפון. אבער דאסמאל האט פאסירט א אויסערגעווענליכע גרויסע ליעק אין די גאר פריע שעה'ן וואס האט געדארפט האבן א באלדיגע הילף און זיי האבן זיך נאך נישט געפונען אין קרית יואל, און די אידישע וואסער דעפארטמענט ארבייטער האבן זיך נישט געפונען דאהי אויף יו"ט.

פאַרבייגייער האָבן אַלאַרמירט די פּאָבליק סעיפטי באַאַמטע וועלכע האָבן אנגעהויבן זוכן ווער עס קען די שנעלסטע אנקומען צו פאררעכטן דעם עמוירדזשענסי.

ברם זכור אותו האיש לטוב העסקן הנמרץ האברך מו"ה יואל בר"מ מיטעלמאן הי"ו וועלכער איז אריינגעשפרינגען אין די עסקנות און האט אויסגענוצט זיין באקאנטשאפט מיט פארשידענע קאמפאניס און האט באגלייט די פובליק סעיפטי באאמטע אויף טריט און שריט אנצואווייזן פארשידענע קאנטאקטן אין דעם פעלד, ביז דער קריזיס איז געברענגט געווארן אונטער קאנטראל.

מען האָט אַראָפּגערופן אַ ספעציעלע פירמע און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז מען האָט אַ זעקס פוסיגן שפּאַלט אינעם הויפּט וואַסער פייפ וואָס ציהט זיך לענגאויס גאַנץ גאַרפיעלד ראָוד

(פארזעצונג אויף זייט 32)

# 2 נייע פאבליק סעיפטי בודקעס ווערן אויפגעשטעלט איןביידע עקן שטאט

## איין בודקע אין שכונת ברך משה - צווייטע בודקע אין שכונת עצי תמרים

מיט פרייד איז אויפגענומען געווארן די בשורה טובה אז דער ווילידזש האט באוויזן צו שאפן די נויטיגע פאנדן און אויפשטעלן די גאר וויכטיגע נייע "פאבליק סעיפטי" בודקעס אין צוויי עקן פון די שטאט.

זינט דער ווילידזש האט אויפגעשטעלט די פאבליק סעיפטי בודקע אויפ'ן קאמיוטער פארקינג לאט אויף פארעסט ראוד האט זיך עס ארויסגעשטעלט צו ווערן א צענטראלער פונקט וואו מ'קומט זיך צוזאם פון אלע עקן שטאט צו באקומען די נויטיגע הילף וואס פעלט זיך אויס אין די שבתים און ימים טובים טעג. ווען מ'קוקט היינט צוריק קען מען זיך פשוט נישט פארשטעלן וויאזוי מ'האט אמאל געקענט אנגיין אן דעם.

דער שטארקער פארקער האט אבער גלייכצייטיג אויך אויפגעברענגט די נויטוועדיגקייט צושטעלן אזוינע בודקעס אויך אין די ווייטערע געגנטער, פון וואו עס איז שווער זיך אראפצושלעפן דעם לאנגן וועג ביז פארעסט ראוד צו רופן די וויכטיגע הילף, און שוין א לענגערע צייט וואס דער ווילידזש האט דערהערט דעם פארלאנג פון די ארטיגע איינוואוינער און גענומען ארבעטן אויף פלענער וויאזוי דאס אהערצושטעלן.

יעצט קען מען ענדליך מעלדן די בשורה אז אין די נאנטע טעג וועט זיך ענדיגן די ארבעט פון בויען די דאזיגע שטיבלעך וואו עס וועלן א גאנצן שבת ויום טוב זיצן די פאבליק סעיפטי איינגעשטעלטע, וואס וועט ערמעגליכן די ארטיגע איינוואוינער צו באקומען גענוג צייטליך די הילף וואס פעלט זיי אויס אין די דאזיגע טעג.

פאקטיש איז עס נוגע פאר טויזנטער איינוואוינער, סיי די וועלכע וואוינען אין גאנץ עצי תמרים, ווי אויך די וועלכע וואוינען אין די גאנצע געגנט ארום שכונת ברך משה, וואו פילע הונדערטער משפחות פון גאנצן ארום, ווי צב"ש לייפניק, טבריא, פראג, אא"וו, וועלן יעצט באקומען נאנטערן צוטריט צו א פאבליק סעיפטי בודקע.

טראץ וואס אויפן לאנגן טערמין וועט דאס אפקאסטן שווערע געלטער, ווייל אויסער דאס אויפבויען און איינרישן די בודקע באדייט עס א פרישע אויסגאבע פון נאך באצאלטע מענטשן וועלכע וועלן זיצן דארט במשך דעם גאנצן שב"ק, האט דער ווילידזש באשלאסן אז דער סערוויס איז צו וויכטיג פאר די טויזנטער איינוואוינער, אנשים נשים וטף, און איז אריינגעשפרינגען אין דעם פראיעקט, לשמחת לבם פון די אלע איינוואוינער.

פאלגט נאך די ווייטערדיגע מעלדונגען.



ווערט געזוען דער פונדאמענט פון דעם פובליק סעיפטי בודקע אויף דינוב ראוד ביים אריינגאנג צו שכונת ברך משה



דער פונדאמענט פון די פובליק סעיפטי בודקע אויף ניקלסבורג גאס ביים אריינגאנג צו שכונת עצי תמרים

# אפיסעס אין ניי רענאווירטן שטאק פון ביזנעס צענטער ווערן בליץ שנעל צעכאפט

## געוואלדיגער הילף אין שאפן ב"ה פרישע זשאבס פאר תושבי קרית יואל

אין די לעצטע טעג איז מיט גרויס סיעתא דשמיא פארגעזעצט געווארן די ארבעט פון נאך א שטאק אינעם ביזנעס צענטער, וואס דער אויסטערלישער פארלאנג פאר פרישע אפיסעס אין דעם העכסט סאפיסטיקירטן און איינגערישטן צענטער האט געצווינגען צו פארשנעלערן די ארבעט צו קענען נאכקומען די געברויכן פון די קרית יואל'ער איינוואוינער.

די נייע אפיסעס זענען אויף דעם דריטן שטאק אין די געביידע, די אנדערע שטאקן זענען שוין פון לאנג באזעצט געווארן. די ערשטע שטאק פאר ריטעיל געשעפטן, און די 2'טע און 4'טע שטאקן פאר אפיסעס וואס האבן זיך געעפנט מיט'ן ערעפענונג פון די געביידע, און מיט א צייט שפעטער האבן זיך אריינגעצויגן פרישע אפיסעס אין דעם 5'טן שטאק. און אצינד איז געקומען די רייע אויף דעם דריטן שטאק אין א מזל'דיגע שעה.

עס איז איבעריג ארויסצוברענגען פאר די חשוב'ע ליינער איבער דעם געוואלדיגן געברויך וואס האט זיך ארויסגעשטעלט אין די לעצטע יארן אהערצושטעלן דעם ביזנעס צענטער, דער קאלאסאלער ערפאלג פונעם גראנדיעזן פראיעקט רעדט פאר זיך זעלבסט.

נישט נאר האט דער צענטער באוויזן אהערצושטעלן א געוואלדיגן דורכברוך פון א פראכטפולע שפאגל נייע אפיס געביידע ספעציעל פאר היימישע ביזנעסלייט, וואס ווער עס איז באקאנט מיט די ביזנעס וועלט ווייסט וויפיל אזא סארט אפיס קען צוגעבן צו א ביזנעס, ספעציעל ווען עס פעלט אויס איינצולאדענען גרויסע ביזנעסלייט און עשירים.

אבער נאך וויכטיגער האט דער צענטער ב"ה ערגרייכט דעם הויפט ציל וואס די געטרייע און אימערמידליכע הנהלת הקרי' האט געשטעלט פאר זיך נאך איידער מ'האט אפילו גענומען בויען דעם בנין: אדאנק דעם הערליכן געשטעל פון די געביידע, וואס האט אהערגעשלעפט א צאל ערנסטע און גוט באזירטע פירמעס, האט מען באוויזן צו שאפן א שיינע צאל פרישע ארבעטס פלעצער פאר תושבי קרית יואל, טייל פון זיי גאר גוט באצאלטע פערמאנענטע זשאבס.

דאס אויפשטעלן די געביידע האט אויך געדינט דעם ציל צו שאפן א הכנסה פאר די מוסדות הקדושים, וואו עס ווערן היינט נתחנך ארום 7,000 קינדער קע"ה.

יעצט ווען מען האלט שוין ביים ענדיגן די לעצטע פאזע פון די געביידע, וואס האט געקאסט אזויפיל אומצאליגע שעה'ן, כח און מח, זיצט נישט די הנהלת הקרי' צופרידן מיט פארלייגטע הענט שעפן נחת פונעם סוקסעס, נאר מ'ארבעט ווייטער טאג און נאכט אויפצוקומען מיט פרישע געדאנקען וויאזוי צו קענען שאפן און ברענגען פרישע זשאבס מעגליכקייטן פאר תושבי קרית יואל, בפרט אין דעם היינטיגן שווערן עקאנאמישן מצב.

ילכו מחיל אל חיל!



# גרויסארטיגער "וואַסער רעטונג דריל" דורכגעפירט געווארן דורך חברה מצילי אש צו פּראַקטיצירן רעטונגס מיטלען אין פאַל פון פאַרפלייצונגען

א וויכטיגער וואַסער רעטונג דריל איז דורכגעפירט געווארן דורך חברה מצילי אש צו טרענירן די וואַלונטירן אויף עמוירדזשענסי רעטונג אקציעס אין פאַל פון א פאַרפלייצונג ח"ו אדער אין פאַל מען ברויך ארויסשלעפן מענטשן פון וואַסער ה"י.

ביים חרדי'שן ציבור ליגט נאך טיף אין די ביינער דעם שווערן זומער וואס דער ניו יאָרקער אידנטום איז אריבערגעגאנגען מיט דעם שווערן האָריקעין וועלכע האט ליידער איבערגעלאָזט עטליכע אידישע פּאָטאַליטעטן ל"ע, איינס דערפון אין פליישמאַנס ניו יארק ווען א פרוי איז געווען פאַרכאַפּט אין הויכע פאַרפלייצטע וואַסערן און עס האט געדויערט עטליכע שעה ביז עס זענען אנגעקומען פּראָפעסיאָנאַלע הילפס אַגענטורן, וועלכע זענען ליידער שוין געקומען צו שפעט.

צו קענען ראטעווען מענטשן וואס זענען ל"ע פאַרכאַפּט אין וואַסער, איז גאר א שווערע ארבעט, און מען ברויך זיין ספעציעל געלערנט דערצו, ווייל געווענליך אין אזעלכע פעלער קען מען נישט צוקומען מיט קיין קאַרס און נישט צופיס צוליב די הויכע וואַסערן, און דעריבער דארף מען נוצן ספעציעלע שיפלעך דערצו. די מצילי אש וואַלונטירן זענען שוין אין די פאַרגאַנגענהייט דורכגעגאנגען אן ענליכע טרענירונג מיט עטליכע יאר צוריק, אבער נישט אויף אזא גרויסן פארנעם ווי יעצט.

די יעצטיגע טרעינינג סעסיע איז דורכגעפירט געווארן דורך די אָראנדזש קאַונטי טרעינינג סענטער, מען איז ארויסגעפארן צו א ריזיגן לעיק אין די קאַונטי און מען האט מיטגענומען די ספעציעלע געצייג וואס מצילי אש פאַרמאָגט פאר אזעלכע פעלער, אינאיינעם מיט א ספעציעלע שיף וואס ווערט אויפגעבלאזן מיט לופט אין געציילטע סעקונדן.

עטליכע שעה האט מען פארברענגט אין די וואַסערן פראַקטיצירנדיג אלע סאָרט רעטונג אקציעס, צווישן אנדערע האט מען זיך אויך באנוצט מיט א "דאָמי" זיך צו לערנען וויאזוי ארויסצושלעפן מענטשן פון וואַסער.

די וויכטיגע טרענירונג לעקציעס וואס די מצילי אש וואַלונטירן גייען דורך יעדע שטיק צייט, דאס איז א באזונדערע נדיבות לב וואס זיי געבן זיך אוועק פאר'ן ציבור, אויסער דאס עצם זיך אוועקגעבן בשעת א הילפס רוף.

די פילצאליגע שעות וואס עס קאסט אפ בלויז די טרעינינג אליינס איז שוין כדאי לעצמו, יעדער וואלונטיר פאַרמאָגט היינט צו טאגס א מינימום פון 20 סערטיפיקאטן פון אלע סארטן רעטונג קורסן, וואס יעדע קורס באזונדער איז א צוזאמשטעל פון מערערע טרעינינג סעסיעס פון צענדליגער שעה'ן טרעינינג. בסך הכל איז יעדער מעמבער שוין אריבערגעגאנגען הונדערטער שעה'ן טרעינינג, ווי אויך ווערט יעדע פאר וואכן צוגעשטעלט פארשידענע פייער דרילס, וואס דאס אלעס גייט אויפ'ן חשבון פון די שטוב, אויפ'ן חשבון פון די ארבעט, א.א.וו.

די נאָכאַנאַנדע טרעינינג קורסעס פון די מצילי אש וואַלונטירן, ווערט צוגעשריבן צום פאקט אז 95 פראָצענט פון די קרית יואל'ער פייערן ווערן פארלאשן ווען עס איז נאך קליין, און דעריבער קומט כמעט נישט אויס אז די וואַלונטירן זאלן שאפן אן עקספיריענס "אויף די אייגענע ביינער", און מען מוז האלטן אין איין חזר'ן אלע טרעינינג קורסן. אנדערש ווי ביי די שכינות'דיגע פייער קאָמפּאַניס וואס ביז ווען זיי קומען אן צום פייער ברענט שוין דער גאנצער הויז, און עס פעלט נישט אויס כסדר'דיגע טרעינינג ווייל זיי קענען עס פראַקטיצירן למעשה.

על כל צרה שלא תבא.

# קידוש ה' ווען מצילי אש קומט צו הילף ביי זוך אקציע נאך פארלוירענעם אויטיסטיק קינד אין שכינות'דיגן גאושען

אן אויסטערלישער קידוש שם שמים איז אויסגערופן געווארן ווען די מיצילי אש וואַלונטירן האבן זיך אנגעשלאסן אין א זוך אקציע נאך א פארלוירענעם נישט-אידישן אויטיסטישן קינד אין די וועלדער פון טאון אוו גאושען.

די רוף איז אריינגעקומען צו מצילי אש דורך די קאַונטי עמוירדזשענסי סערוויסעס באאמטע, וועלכע האבן אנגעגעבן אז אין שכינות'דיגן גאושען האט זיך פארלוירן א זיבן יעריג קינד מיט ספעציעלע געברויכן, און זיי פאַרמאָגן נישט גענוג געלערנטע מענטשן צו גיין זוכן אין די וועלדער נאכ'ן קינד.

צו קענען זוכן אין די וועלדער דארף מען זיין ספעציעל טרענירט, ובפרט ווען עס האנדלט זיך אין די נאכט שטונדן, וואס מען מוז זיין ספעציעל געלערנט דערצו. די מצילי אש וואַלונטירן זענען אין דער פארגאנגענהייט אריבערגעגאנגען ספעציעלע קורסעס איבער "סוירטש ענד רעסקיו" צו זיין גרייט אויף זוך אקציעס.

ווי באקאנט איז קרית יואל אנגעשלאסן אין דעם "מיוטשעל עיד פארבאנד" צווישן די אלע לאָקאַלע פייער קאמפאניס, וואס דאס באדייט אז ווען איינער דארף הילף וועלן די אנגעשלאסענע קאמפאניס קומען צו הילף אומזיסט, מיט'ן חשבון אז ווען זיי וועלן דארפן הילף וועט מען צוריק קומען צו זיי פאר הילף. און אזוי ווי די מצילי אש וואַלונטירן זענען געלערנט פאר אזעלכע פעלער, דעריבער האבן די קאַונטי עמוירדזשענסי סערוויסעס באאמטע אריינגערופן קרית יואל פאר הילף.

דער פייער שעף ר' יושע בלומענטאל הי"ו האט גלייך אגאנזשירט די וואַלונטירן וועלכע האבן אנטיילגענומען אין די טרעינינג סעסיעס פאר די זוך אקציעס, און מען איז ארויסגעפארן קיין גאושען וואו מען האט פארברענגט אריבער 6 שעה, פון 11:00 ביינאכט ביז אום 5:30 פארטאגס, אדורכנישטערנדיג עטליכע וועלדער מיט א געוואלדיגע אויסגערעכנטקייט און פונקטליכקייט.

אין די ענדע איז דאס קינד געפונען געווארן דורך א לאָקאַלע איינוואוינער וועלכע האט גערופן די פּאָליצייי נאכ'ן ערוועקט ווערן דורך א בילעריי פון הינט וועלכע האבן אנדעקט דאס קינד פארשטעקט אונטער די ביימער אין יענעמ'ס בעק-יאַרד, און די פּאָליציי האבן טאקע אידענטיפיצירט דאס קינד אלס דער פארלוירן קינד.

די קאַונטי עמוירדזשענסי סערוויס קאארדינעיטאר מר. דזשאן הורען האט שפעטער באוואונדערט די ארבעט פון די מצילי אש וואַלונטירן אויף זייער אויסגעצייכנטע ארבעט, זאגנדיג אז מען האט געזען אז זיי זענען גאר גוט טרענירט און האבן דורכגעפירט די ארבעט זייער פּאָלגזאם לויט די פונקטליכע אנווייזונגען פון דעם קאַמענד סענטער אויפ'ן פלאץ.

באזונדער האט ער באוואונדערט און באגריסט דעם פאקט אז די מצילי אש וואַלונטירן זענען געווען די איינציגסטע פייער קאמפאני וועלכע האבן פאַרמאָגט פולקאָם אלע ריכטיגע עקוויפמענט און מלבושים, גייענדיג אנגעטאן מיט ספעציעלע ריפלעקטיוו וועסטלעך וועלכע שיינען צוריק צו ליכטיגקייט אין די נאכט שטונדן, ספעציעלע דיקע הויזן, נישט צו ווערן געשעדיגט ח"ו פון אומזעבאַרע דערנער און צווייגן, און אזוי אויך הויכע שטיוול צו זיין באַשיצט קעגן מעגליכע שעדליכע שרצים, שלענג או"וו.

"א ריכטיגע טרעינינג דערקענט זיך ביי די הילפס ארבעט", האט ער אויסגעפירט.

היכי דמי קידוש ה'.


"הקריה"

HAKIRYAH

3 Chevron Rd. #3A

Monroe, NY 10950

**Fax:** 845-774-7945

**Email:** hakiryah@gmail.com

ארייינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.

Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.


## שיריים פון האריקעין איירין...

# ווילידזש פירט דורך פרייע באָלק פּיק-אָפּ פאר געליטענע פון "האָריקעין איירין"

אין א שריט צו פארלייכטערן פאר די פאמיליעס וועלכע האבן געליטן שאדנס פון דעם פארלאפענעם "האריקעין איירין", האט דער ווילידזש אין די נאכפאלגענדע טעג צוגעשטעלט א פרייע בּאָלק פיק-אָפּ אויפצונעמען די ברוכווארג פון געשעדיגטע פוירניטשער און אנדערע מאטריאל וואס זענען געשעדיגט געווארן פון די וואסער פארפלייצונגען ביים האריקעין.

ווי באקאנט האבן ליידער פילע הייזער געליטן שווערע שאדנס פון די פארפלייצונגען ביים האריקעין, ספעציעל די דירות און בעיסמענטס וואס געפינען זיך אויף די נידריגע געגנטער, וואו אין טייל ערטער האט דאס וואסער דערגרייכט א הויכקייט פון עטליכע פיס, אז די מעבל איז שוין געשווימען אויפ'ן וואסער, און די אלע באטראפענע דירות האבן געליטן שווערע שאדנס, און זענען געצווינגען ארויסצואווארפן די קאליע-געווארענע מעבל, ווי אויך עטליכע וועלכע האבן געברויכט איבערמאכן ווענט אדער די פלארס.

אין געווענליכע פעלער ווען מען לייגט ארויס גרעסערע בּאָלק חפצים אינמיטן יאר, דארף מען אריינרופן צום ווילידזש סאניטאציע דעפארטמענט וועלכע קומען דאס אפנעמען באזונדער פאר א מינימאלע אָפּצאָל, אויסער אין די ספעציעלע זמנים אין די וואכן בעפאר פסח און נאך סוכות ווען מען נעמט צוזאם די בּאָלק גארבידזש פון די גאנצע שטאט.

אבער דאָסמאָל זיך רעכנענדיג מיט די אומגעהויערע געלט שאדנס פון די באטראפענע משפחות, האט די ווילידזש צוזאמגענומען די אלע באלק מאטריאל פון די באטראפענע געגנטער פריי אן קיין באזונדערע אפצאל, א שריט וועלכע די באטראפענע פאמיליעס האבן גאר שטארק באדאנקט.

# דערהויבענער ימים-טובים-סעזאָן געפראַוועט אין בליענדער "שכונת ברך משה" געגנט

## צייטווייליגער ביהמ"ד איבערגעפולט עד אפס מקום - דרינגענדער געברויך פאר הקמת בית המדרש החדש קומט ווידעראמאל ארויף צום אויבערפלאך

הערליכע און דערהויבענע טעג האבן די פילצאליגע תושבי שכונת ברך משה מיטגעלעבט אינעם פארלאפענעם ימים טובים סעזאן און גייסטרייכער זמן שמחתינו, ווען די פילצאליגע תושבי השכונה שיחיו - חדשים גם ישנים - האבן אינאיינעם געפראוועט די הייליגע טעג אויף א הערליכן פארנעם.

דער גאנצער ימים טובים סעזאן איז געפראוועט געווארן ברוב פאר והדר מיט א גאר געהויבענעם געפיל, ווען א ריזן ציבור בכמות ובאיכות האבן מיטגעהאלטן די תפילות און פייערליכע מאמענטן וואס איז אפגעפראוועט געווארן ברוב עם הדרת מלך מיט א ווארעמקייט און אויסטערלישע התלהבות אינעם צייטווייליגן היכל הבית המדרש "ישמח משה" דקהלתינו הק', וואס וועט פארבלייבן איינגעקריצט אין די הערצער פון אלע באטייליגטע אויף א לענגערע צייט.

### כן ירבה וכן יפרוץ!

ס'איז א נחת רוח מיטצוהאלטן מיטן הרחבת גבולי הקדושה אינערהאלב דעם בליענדער "שכונת ברך משה" געגענט. א יעדע וואך איז צום דערקענען פרישע תושבים, פרישע פנימ'ער, מ'באגריסט זיך כסדר מיט די נייע שכנים מיט א ווארימען שלום עליכם, ס'ווערן געפראוועט מסיבת לחיים וקביעות מזוזות, וואס טוט כסדר אויפלעבן די גאנצע סביבה.

איבערהויפט איז צום דערקענען די אחדות'דיגע אטמאספערע און היימישקייט וואס הערשט אין די געגנט, וואס איז צום פארדאנקען די פעולות נשגבות פונעם חשוב'ן רב שליט"א, וועלכער איז עומד על משמרת הקודש, צו די רעכטע האנט פון חותנו הגדול, מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

### שיעור "יסודי התורה" כהכנה לחג

טראצדעם וואס מען איז פארנומען געווען מיט די הכנות צום יום טוב, האט אבער נישט נאכגעלאזט דער טעגליכער שיעור אין ראם פון "חבורת יסודי התורה", די חבורה וואס ווערט באגלייט פערזענליך דורכן רבי'ן שליט"א, דאס איז די חבורה וואס ציעט אריין טעגליך - ווי א מאגאנעטישן כח - טויזנטער אידן פון אלע סאטמארער צענטערן אין היכלי התורה צו לערנען ברוב עם הדרת מלך, צו זיין אנגעקניפט באילנא דחיי מיט א רוחניות'דיגן קשר.

די צענדליגער משתתפי השיעור ביים טעגליכן שיעור אין שכונת ברך משה, וואס ווערט פארגעלערנט דורך הגה"צ דער רב שליט"א, זענען אויסטערליש נהנה פונעם אופן וואס דער רב שליט"א צעלייגט אן ענין בטוב טעם ודעת, באגלייט מיט פאסיגע רעיונות פון די מפרשי הפשט, און צומאל ווואונדערליכע געדאנקען וועלכע זענען נוגע צו די סוגיא וואס מען לערנט.

זייענדיג אנגעזאפט מיט די ענינים וואס מען האט קונה געווען ביים טעגליכן שיעור, האט דאס געדינט אלס דער ריכטיגער אריינפיר צו די נאכפאלגנדע ימי הרחמים והרצון.

### הרחבת גבולי הקדושה

אנהויב חודש אלול העעל"ט - זיך גרייטנדיג צום ימים טובים סעזאן - איז ווידעראמאל ארויפגעקומען צום אויבערפלאך די בארימטע פראגע: "אנה יכנס כל הפשתן הזה?", וויאזוי וועט מען ערמעגליכט ווערן צו קענען אקאמאנדירן דעם ריזן ציבור תושבי השכונה בליעה"ר אין אזא קליינעם צייטווייליגן ביהמ"ד?

און טאקע דעריבער איז אויפגענומען געווארן מיט א שמחה דקדושה ווען עס איז געמאלדן געווארן דער פריידיגער באריכט אז א קבוצה פון חשובע גבאי ועסקני הביהמ"ד זענען אריינגעשפרינגען אין א געוואונטשענער

(פארזעצונג אויף זייט 12)

## והשכונ"ה אומרת: צר לי המקום...

**אין א שמועס מיט די חשובע עסקני השכונה געבן זיי איבער פאר "הקריה" עטליכע**

**אינטערעסאנטע נאטיצן**

**פונעם פארלאפענעם יו"ט אין שכונת ברך משה:**

### נאנט צו 200 זיצן פארדינגען; מאנגל אין פלאץ...

נאכ'ן מיטהאלטן דעם פארלאפענעם ימים-טובים-סעזאן שטעלט זיך ווידעראמאל ארויס אז דער ביז-איצטיגער ביהמ"ד איז שוין צו מהכיל, אין פולן זין פוןווארט! יעדע עטליכע טעג ציען זיך אריין פרישע תושבים, און מער און מער איינוואוינער זענען זיך קובע מקום אין דעם ביהמ"ד, אזוי אז ס'איז קריטיש וויכטיג צוצושטעלן א נייעם רחבות'דיגן מקום תורה ותפילה פאר די הונדערטער מתפללים, לומדים, ותושבי השכונה, וואס פריער.

טראצדעם וואס אין די ערב יו"ט טעג איז דער ביהמ"ד פארברייטערט געווארן, און עס זענען בס"ה פארדינגען געווארן נאנט צו 200 זיצן אין ביהמ"ד, האט נאך אלץ געהערשט א מאנגל אין פלאץ אין ביהמ"ד.

### תקיעת שופר אויף די גאס?!

דעם ערשטן טאג ראש השנה איז געווען מיוחד א ספעציעלער "זמן תקיעת שופר לנשים" אזוי ווי אין אסאך אנדערע בתי מדרשים, נאכ'ן ליינען ווי נאר עס איז געווארן פויזע האט מען רוקנדיג די מחיצות אויסגעברייטערט דעם עזרת נשים, אריינעמענדיג א דריי-פערטל פונעם גאנצן היכל הביהמ"ד, אבער עס האט זיך באלד ארויסגעשטעלט אז עס איז נאך אלס געווען אוממעגליך נאכצוקומען דעם ריבוי עם קע"ה.

דער היכל הביהמ"ד איז באלד געווארן איבערגעפולט, און עס איז שוין נישט געווען מעגליך אריינצוקומען אין ביהמ"ד, עד כדי כך אז מען איז געווען געצוואונגען צו עפענען די פענסטער פון ביהמ"ד, כדי די פילצאליגע נשים צדקניות וועלכע האבן נישט געקענט אריינקומען אין ביהמ"ד צוליב'ן געדרענג, זאלן קענען מיטהאלטן די תקיעות פון די גאס!...

כדי עס זאל זיך נישט איבערשפילן נאכאמאל, האבן די גבאי הביהמ"ד איינגעמאלדן אז אויפ'ן צווייטן טאג וועלן דריי מאל געבלאזן ווערן די תקיעות: איינמאל פאר די מתפללי הביהמ"ד, און באזונדער וועלן זיין נאך צוויי זמנים פון "תקיעת שופר לנשים", כדי אביסל צו פארקלענערן דעם געדרענג אין ביהמ"ד.

### ס'פארט אויף רעדער...

נעמענדיג אין באטראכט אז דער ביהמ"ד ווערט איבערגעפולט אין די הייליגע טעג, סיי אין מענער-שול און סיי אין די עזרת נשים, און אינעם איצטיגן צייטווייליגן ביהמ"ד איז שוין נישט מעגליך צוצושטעלן די הצטרכות'ן פאר אלע מתפללי הבית המדרש, איז היי-יאר אפירגעברענגט געווארן א טרעילאר מיט ביה"כ'ס, וועלכע איז ספעציעל געדינגען געווארן אויף גאנץ חודש תשרי און אוועקגעשטעלט געווארן אויף די גאס.

*

מטעם די חשובע עסקני "ועד קרן הבנין" ווערט איבערגעגעבן אז איבערמידליכע כוחות ווערט אריינגעלייגט צוצואיילן מיט די פאקטישע מלאכת הבני' פונעם בית המדרש החדש, וועלכע וועט דינען אלס צענטראלער מקום תורה ותפילה פאר די גאנצע געגנט.



בשעת'ן דורכפירן די רענאוואציעס צו פארגרעסערן דעם היכל הביהמ"ד



דער נייער צוגעלייגטער חלק אויף מערב זייט פונעם ביהמ"ד

די שטאט קרית יואל איז אין דעם פארגאנגענעם יאר תשע"א

# געוואקסן

## מיט 206 משפחות בליעה"ר



**דער ציבור איז בליעה"ר געוואקסן**

די געברויכן פונעם ציבור זענען געוואקסן

**אונזערע שטימען מוזן אויך וואקסן**

כדי רעגירונג הילף זאל קענען ווייטער וואקסן בעז"ה

דער סימבאל פון אחריות פונעם יחיד פאר'ן ציבור

קרית יואל

**בלאק וואוט**

**ג' וירא**

**Nov. 8**

אין קרן ויואל משה

וויכטיגע נאוועמבער וואלן

# קאמיוניטי סערוויס נאטיצן

## "קאָסט אָוו ליווינג עדזשאסמענטס" געהעכערט; וועט אַפעקטירן סאָושעל סעקיוריטי געניסער

די פעדעראַלע רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט געמאָלדן אַז עס איז באַשטעטיגט געוואָרן דורכצופירן א "קאָל"ע" העכערונג - וואָס דאָס טייטשט אַז די רעגירונג העכערט איר שאַצונג וויפיל עס קאָסט פאר אַמעריקאַנער דאָס טאָג-טעגליכע לעבן און לויט דעם באַשטימט זי פאר וועמען צו געבן בענעפיטן און וויפיל צו געבן, לויט די גרויסקייט פון פאַמיליעס.

די רעגירונג פלעגט אַמאָליגע יאָרן העכערן דעם שאַצונג מיט יעדן פאַרבייגייענדן יאָר, אָבער אין די לעצטע פאר יאָר איז דאָס נישט געהעכערט געוואָרן, צוליב וואָס די רעגירונג פלאָגט זיך מיט געשוואָלענע דעפיציטן און א שווערע עקאָנאָמישע מצב צו דעקן דעם פעדעראַלן בודזשעט. אַצינד איז דאָס ערשטע מאָל אין די לעצטע דריי יאָר וואָס די רעגירונג האָט געמאָלדן אַז זי וועט יאָ העכערן דעם "ק'אָסט אָ'וו ל'יווינג ע'דזשאסמענט" שאַצונג.

א וואָרטזאָגער פאר די סאָושעל סעקיוריטי אַדמיניסטראַציע האָט געזאָגט אַז די רעגירונג האָט דאָס געהעכערט צוליב וואָס עס איז געווען זייער וויכטיג, ווייל געניסער פונעם סאָושעל סעקיוריטי פראָגראַם האָבן שוין ממש נישט געקענט זיך אויסהאַלטן מאָנאַטליך פון די געלטער, צוליב וואָס פרייזן פון עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן זענען געשטיגן נאָכמער, ווייל פירמעס און פאַבריקן פלאָגן זיך אויך מיט א שווערע עקאָנאָמיע.

די העכערונג באַשטייט פון 3.6 פראָצענט און עס וועט אַריינגיין אין קראַפט פאר פינף און פופציג מיליאָן געניסער אום יאַנואַר אין יאָר 12'. די סאָושעל סעקיוריטי געניסער וועלכע האָבן ביז היינט באַקומען 1,186 דאָלער פער מאָנאַט אין סאָושעל סעקיוריטי געלטער, וועלן באַקומען נאָכ'ן 3.6 העכערונג 1,229 דאָלער. דאָס איז געזאָגט פאר רעטייערטע אַרבעטער, און פאר אַרבעטער וועלכע קענען מער נישט אַרבעטן צוליב א דיסעבילי טי, וועט די העכערונג זיין פון די יעצטיגע 1,072 דאָלער צו א געשאַצטע 1,111 דאָלער.

## רעגירונג ברייטערט אויס אולטימאטום פאר מעדיקעיר געניסער צו טוישן "דראג פלאן"

די פעדעראלע מעדיקעיר אדמיניסטראציע, וועלכע זענען באאויפטראגט אויפן פארצווייגטן מעדיקעיר פראגראם, שטעלן אוועק איין מאל אינעם יאר וואס די עלטערע בירגער וועלכע געניסן פונעם פראגראם, באקומען די אפציע צו באטראכטן די פילע סארטן פלענער אונטער "מעדיקעיר פארט די." און אויסוועלן א נייעם פלאן פאר'ן צאלן פאר די אויסגאבן פון זייערע מעצידינען און פארשידענע מעדיקל עקוויפמענט וואס מען דארף אפטמאל צוקומען ווען מען קומט אין די עלטערע יארן.

ווי באקאנט האט מען אונטער פרעזידענט דזשארדזש דאבעליו בוש רעפארמירט דעם מעדיקעיר סיסטעם און צוגעלייגט פארשידענע זאכן. ביז דאן האט די רעגירונג אונטער מעדיקעיר געגעבן מער וויניגער בלויז די קאסטן פון שפיטעלער און דאקטוירים, און דער מענטש האט אליינס געדארפט צאלן פונעם אייגענעם טאש די געלטער וואס האט געקאסט די פארשידענע מעדיצינען.

דערפאר האט מען אונטער די בוש אדמיניסטראציע צוגעלייגט צום מעדיקעיר א פערטן אפטיילונג, אונטערן נאמען מעדיקעיר "פארט-די.", וואס אונטער אט דעם פראגראם העלפט די רעגירונג פאר די עלטערע מעדיקעיר געניסער אז זיי זאלן זיך קענען ספראווען מיט די הוצאות פאר מעדיצינען.

אונטער מעדיקעיר פארט-די זענען פארהאן עטליכע פלענער וואס מען קען אויסוועלן וויאזוי צו צאלן אינאיינעם מיט די הילף פון די רעגירונג פאר די מעדיצינען. די רעגירונג געבט איין מאל יעדעס יאר וואס מען קען וועלן א נייעם פלאן און טוישן, וואס דאס געפאלט אויס אין די יעצטיגע חדשים.

אצינד האבן די מעדיקעיר אויטאריטעטן געמאלדן אן אויסברייטערונג אין דעם דאטום, און מען וועט בלויז קענען אריינרופן פאר א טויש פון אקטאבער 15 ביז דעצעמבער 7, וואס דאס באדייט נאך עטליכע וואכן צו מאכן דעם אויסוואל, און אלע געניסער זאלן וואס שנעלער אריינרופן אויב האבן זיי סיי וועלכע טויש צו מאכן אין זייער "מעדיקעיר פארט די." פלאן.

## פאזיטיווע טויש אין מעדיקעיד פאר גרעסערע קינדער;

### וועט ערלויבן מער מעדיקעיד טראנספארטאציע

אין די לעצטערע וואָכן זענען געמאָלדן געוואָרן עטליכע פּאָזיטיווע טוישונגען אין געוויסע הילפס פּראָגראַמען פון די פעדעראַלע רעגירונג און איינס פון די טוישונגען זענען אין דעם קריטיש-וויכטיגן "מעדיקעיד" פּראָגראַם. די רעגירונג זאָגט אַז זי האָט איינגעפירט דעם טויש, כדי צו פאַרגרינגערן פאר גרויסע פאַמיליעס אין די יעצטיגע טעג ווען די עקאָנאָמיע איז שוואַך און צייגט נישט קיין סימן פון ערהוילונג.

איינס פון די גרעסטע אויסגאבן פאר פאמיליעס אין אמעריקע, און בכלל איבער די וועלט, איז די קאסטן פון העלט קעיר און העלט אינשורענס. עס ציהט אריין אין גרויסע געלטער דאס גיין צו דאקטוירים און קויפן מעדיצינען, און ווער רעדט נאך ווען עס רעדט זיך ל"ע פון א קרענק, וואס דאן קאסט די טייערע דאקטוירים און שפיטאל באזוכן שווערע געלטער. די רעגירונג שטעלט דעריבער צו די פארשידענע הילפס פראגראמען, צו העלפן די פאמיליעס וועלכע פארדינען נישט אזויפיל זיך צו קענען ספראווען מיט די שווערע קאסטן, ווי מעדיקעיד און מעדיקעיר פאר עלטערע בירגער.




דער פראבלעם פאר פאמיליעס איז אבער אז די רעגירונג האט איינגעשטעלט א סיסטעם אז נאר אויב מען פארדינט גאר ווייניג, קען די גאנצע פאמיליע זיין אונטער מעדיקעיד. אויב אבער גייט מען אריין אונטער א געוויסע קאטאגאריע פון עטוואס בעסערע פארדינער - ווענד זיך ביי יעדן לויט די גרויסקייט פון די משפחה - האט די רעגירונג געגעבן ביז היינט נאר פאר די גאר קליינע קינדער - ביז זעקס יאר - די מעדיקעיד בענעפיטן און די אנדערע גרעסערע קינדער דארפן גיין אויף א צווייטע פראגראם ווי "טשיילד העלט פלאס" און די עלטערן אויף "פעמילי העלט פלאס".

ווען עמיצער אפעלירט צו די רעגירונג פאר מעדיקעיד בענעפיטן, ווערט ער אינפארמירט איבער זיינע באגרעניצונגען, לויט זיינע פארדינסטן, יעדער פון די משפחה פאר זיין בארעכטיגטע קאטאגאריע, און פילמאל קומט אויס אז נישט די גאנצע פאמיליע קען זיין אויף מעדיקעיד, און דאס איז א פראבלעם, סיי ווייל מען וויל נוצן דעם זעלבן דאקטער פאר אלע קינדער און נישט אלע דאקטוירים נעמען אן אלע סארטן אינשורענס. אויך איז דאס א פראבלעם ווייל צומאל געבט מעדיקעיד בעסערע בענעפיטן און נישט ביי אלע קינדער קען מען דערפון געניסן.

אצינד האט די רעגירונג געמאלדן א שטארק-פאזיטיווע טויש, אז זי האט ארומגעטוישט די רעגולאציעס און אין פילע פעלער וועט מען ערלויבט זיין צו פארדינען מער און דאך וועלן די גרעסערע קינדער זיין אריינגערעכנט אינעם מעדיקעיד פלאן אזוי ווי די קלענערע קינדער אונטער זעקס יאר.

די וועלכע געניסן פונעם מעדיקעיד פראגראם קענען אנרופן אין די אפיסעס פונעם ווילידזש קאמיוניטי סערוויס אויף 783-8300 עקסטענשן 2 און זעהן צו זייערע פארדינסטן איז אויף אזא שטאפל אז זייערע גרעסערע קינדער קענען ארויפגעלייגט ווערן אויף מעדיקעיד.

---

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## אקטועלע מעלדונג

### במשך די ווינטער חדשים

### וועלן אונזערע אפיסעס זיין אפן יעדן פרייטאג

# ביז 12:00

מיט דאנק

**דער ווילידזש**

**נ.ב. צוליב די קורצע פרייטאגס בעט מען אז די וואס האבען באשטימט אן אפוינטמענט מיטן מעיאר, זאלן ביטע ערשיינען צייטליך כדי נישט אויפצוהאלטן אנדערע וואסווארטן אויך פאר זייערע באשטימטע מיטינגען מיט'ן מעיאר**

בס"ד


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin



**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


סאניטעישאן דעפארטמענט

# וויכטיגע מעלדונג!

## דערמיט מעלדן מיר
## אז היי יאר קומט פאר דער האלב-יעריגער

# Bulk Pick-up

## ביז דעם קומענדיגן מיטוואך November 9

**ביטע אכטונג געבן נישט צו לייגן קיין גרעסערע נוצבארע זאכן, וואס איר דארפט נאך האבן, נעבן די באלק זאכן, כדי עס זאל נישט בטעות אוועקגענומען ווערן!**

- ביטע לייגן די באלק גארבידזש באזונדער, און נישט אויסמישן מיט די געהעריגע גארבידזש.
- ביטע לייגן אלע מעטאלענע זאכן (אויוון, פרידזשידער, וואש-מאשין, עיר-קאנדישאן) אינגאנצן אפגעטיילט.
- נישט פארגעסן אראפצונעמען די טירן פון די פרידזשידערס.
- די קארדבארדס/באקסעס זאלן ליגן אויף א באזונדערן פלאץ, צוזאמגעלייגט.
- אויך די הייזער וועלכע האבן קאנטעינארס, זאלן לייגן אלע באלק זאכןביים קוירב, און **נישט ארייננווארפן באלק מאטריאל (צ.ב.ש. האלץ אדער שיטראק) אין די קאנטעינאר**, ווייל דאס צוברעכט דעם טראק.
- **נישט לייגן קיין גארבידזש פארנט פונעם קאנטעינאר**, ווייל ס'שטערט דעם טראק און אויך נישט אויפ'ן דעק פונעם קאנטעינאר, ווייל ס'ווערט צעבראכן.

**מיר בעטן אז מזאל בשו"א נישט ניצן אונזערע סאניטעישאן ארבייטערס פאר אייגענע צוועקן, ווייל דאס שטערט זייער ארבעט פון ריינגן די שטאט.**

## אכטונג:

נישט לייגן קיין רעדלעך אדער קאמערשאל בילדינג מאטריאל

(צ.ב.ש. שיטראק וכדומה), ווייל מ'וועט דאס נישט אוועקנעמען.

אויב ווילט איר מ'זאל אוועקנעמען אייער קאנסטראקשען באלק, קענט איר רופן אין ווילידזש אפיס.

מיט דאנק

**די סאניטעישאן דעפארטמענט**



# תושבי קרית יואל וועלן שטימען אין מאסן קומענדיגן דינסטאג אין גאר וויכטיגע "נאוועמבער וואלן"

(פארזעצונג פון זייט 1)

זענען געווארן שטארק ארונטערגעריסן פאר דעם פאקט, עד כדי כך אז געוויסע קאנדידאטן פון די "פראטעקט מאנרא" פארטיי האבן פארשפראכן צו עלימינירן דעם פראגראם אז מען זאל נישט קענען מאכן קיין מערידזש לייסענס אין קרית יואל.

עס איז קלאר אז דער קומענדיגער דינסטאג איז אונזער חובת השעה צו זיין ביי די וואל בודקע און ארויסווייזן אונזער לאיאליטעט צו די אלע וואס האבן פאר אונז גוטס געטון, סיי ארויסצואווייזן אונזער כח, און סיי מכיר טובה זיין פאר אונזערע פריינד.

עס איז צו ערווארטן אז תושבי קרית יואל וואס האבן ביז היינט זיך אויסגעצייכנט מיט'ן אנטיילנעמען אין די וואלן מיט א ווארעמקייט, און מיט פארשטענדעניש איבער דעם גרויסן אחריות און זכי' וואס דאס שטעלט מיט זיך פאר, וועלן אויך יעצט ארויסקומען אין די מאסן און אפגעבן די שטימען פאר די אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן.

עס מוז באמערקט ווערן אז עס איז קריטיש וויכטיג אז דער קרית יואל וואל כח זאל זיך פארגרעסערן, ווייל די פאליטישאנס ווייסן גאנץ גוט אז די צאל איינוואוינער אין קרית יואל זענען בליעה"ר געוואקסן, און מען קען נישט בלייבן שטיין מיט די אלטע ציפערן, ווייל דאס קען ח"ו אנדייטן א רעדוקציע אין ערווארטונגען פון קריטיש וויכטיגע רעגירונגס הילף.

עס איז יעצט אונזער פליכט צו שיקן דעם מעסעדזש וואס זאל דערהערט ווערן, אז תושבי קרית יואל זענען ווייטער פאראייניגט און אנטשלאסן צו העלפן די וואס העלפן אונז! אלע שטים בארעכטיגטע מענער און פרויען וועלן ארויסגיין קומענדיגן דינסטאג פאר די אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן.

עס איז א קריטישער וויכטיגער מאמענט פאר אונזער צוקונפט, ווייל דאס איז דער איינציגסטער שפראך וואס פאליטישאנס דערהערן, א בלאק וואוט! און מיר מוזן דאס אהערשטעלן אויפן שטארקסטן אופן, כדי מיר זאלן קענען ווייטער בעז"ה האבן אן אפענע טיר ביי די רעגירונגס אינסטאנצן, אזוי ווי אין די פארגאנגענהייט, ואיזהו חכם הרואה את הנולד!

*

אין צוזאמענהאנג מיט די בעפארשטייענדע וואלן, איז די וואל קאמיטע ווידער ארויסגעקומען מיט א בקשה צו די איינוואוינער, אויב מעגליך צו גיין אפגעבן די שטימעס אין די ערשטע שטונדן אינדערפרי.

דאס אפגעבן די שטימע אינדערפרי איז א טובה פאר די ווילער זעלבסט, נישט צו דארפן לאנג ווארטן אנצוקומען צו די בודקע, ווי אויך וועט מען נישט דארפן באקומען קיין איבריגע טעלעפאנען במשך דעם טאג, צו דערמאנען אפצוגעבן די שטימע.

ווי אויך איז דאס א טובה פאר די עסקנים און וועלן זיך קענען בעסער אפגעבן צו דערמאנען די וואס זענען נאכנישט געקומען שטימען און נישט דארפן רופן אזויפיל מענטשן, און דאס וועט העלפן ערמעגליכן דורכצופירן די ארבעט מיט מער פונקטליכקייט און ישוב הדעת, צו אלעמענס צופרידענהייט.

*

היי יאר איז ווידעראמאל דורכגעפירט געווארן פארשידענע תיקונים בעניני צניעות, און מען בעט דעם חשוב'ן ציבור אויסצופאלגן די אנווייזונגען.

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן וועט די מענער אריינגאנג צום זאל זיין אויף די רעכטע זייט פון דעם קרן ויואל משה בילדינג, און די פרויען אריינגאנג וועט זיין אויף די לינקע זייט פונעם בנין.

אין דעם זאל זעלבסט וועט אויך זיין צוגעשטעלט באזונדערע טישלעך פאר מענער און פאר פרויען אויסצופולן די שטים בעלאטס, פאר מענער אויף די רעכטע זייט פונעם זאל און פאר פרויען אויף די לינקע זייט פונעם זאל.

אויך וועט זיין צוגעשטעלט צוויי באזונדערע סקענער מאשינען אויף יעדע שטאק, איינס פאר מענער און איינס פאר פרויען, פאר די מענער אויף די רעכטע זייט פונעם זאל, און פאר די פרויען אויף די לינקע זייט פונעם זאל.

*

עס וועט זיין צו באקומען די אנ"ש סעמפל בעלאטס אין די טעג בעפאר די וואלן אין אלע בתי מדרשים, ווי אויך וועט דאס פארטיילט ווערן פארנט פונעם שטים פלאץ. די סעמפל בעלאטס זענען ערלויבט מיטצוברענגען ביים וואוטן.

*

אלענפאלס, שפירט זיך א שטארקע גרייטקייט פון אלע אנשי שלומינו, מענער און פרויען, וואס זענען בארעכטיגט צו שטימען, זיך אנצושטרענגען די געציילטע מינוטן צו קומען אפגעבן א פאראייניגטע שטימע פאר די אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן, כדי מ'זאל קענען ווייטער אויפטון און סערווירן פאר'ן ציבור ווי ביז היינט ביתר שאת וביתר עז.

קומענדיגן דיסטאג פ' וירא אינדערפרי, אין די זאלן פון קרן ויואל משה!



# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


בס"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען פאר תושבי קרית יואל אין פאל פון א שניי

1) מען זאל נישט פארקן די קארס אויף די ראודס אדער אויף די סיידוואקס כדי די שארער טראקס זאלן קענען געהעריג פוצן די שניי.

2) אכטונג געבן ווען מען פוצט אוועק די שניי פון ארום די קאר און פון די דרייוו–וועיס אז מען זאל נישט שליידערן די שניי אויף די ראודס.

3) אכטונג געבן אויף די קינדער נישט צו שטיין נעבן די סיידוואק שארער כדי עס זאל נישט צוקומען ח"ו צו קיין סכנה.

4) אזוי אויך זאל מען נישט לאזן אויף די סיידוואקס קיין גארבידזש קענס, שאוולעך, אדער בייקס וכדומה, ווייל די זאכן ווערן צובראכן פונעם שארער טראק.

5) אין די צייטן ווען די ראודס זענען גליטשיג, זאל מען זיך פארמיידן ווי ווייט מעגליך פון גיין אויף די ראודס, אזוי אויך איז זייער וויכטיג צו גיין מיט "רעפלעקטארס", ווייל עס איז אוממעגליך די קארס זאלן באמערקן די דורכגייער, ספעציעל ביי קארנערס ווען די קארס דרייען זיך און קענען זיך נישט אפשטעלן.

6) יעדער איינוואוינער איז פאראנטווארטליך אויפצושארן די שניי ארום זיין פאסט קעסטל, ביי די ערטער וואו עס איז נישט געפוצט די שניי וועט מען נישט דעליווערן די פאסט.

7) איינוואוינער פון די אויבערשטע שטאקן זאלן אראפהאקן מיט א בעזעם די שטיקער אייז וואס הענגט אראפ פון דאך, ווייל דאס איז אומשטאנד אראפצושלעפן די דרענס פון הויז. (פארשטייט זיך מען זאל אכטונג געבן קיינער זאל זיך נישט געפינען אונטער דעם בשעת מען ברעכט דאס אראפ).

מיט דאנק

**די ווילידזש**

# העפטיגע ארבייט ביים "קרית יואל קינדער פּאַרק"

(פארזעצונג פון זייט 1)

ובפרט אין די חול המועד טעג ווען עלטערן ווילן ארויסגיין פארברענגען במנוחה מיט די קינדער אין א ריינע אטמאספערע.

אין לויף פון דעם פארלאפענעם יאר איז דער ווילידזש אריינגעשפרינגען אין דעם פראיעקט אויפצושטעלן א ריזיגן שפיל-פלאץ, וואס וועט זיין צוגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן על טהרת הקודש, ספעציעל פאר די איינוואוינער פון קרית יואל.

דער פארק ווערט אויפגעשטעלט אויף די ריזיגע שטחים וואס דער ווילידזש פארמאגט מחוץ לעיר אויף לארקין דרייוו, און עס פארמאגט אלע מעלות זייענדיג אפגעזונדערט פון די גוי'אישע גאס, מיט איינטריט בלויז פאר תושבי קרית יואל, ערוואקסענע און קינדער, וואס וועלן אי"ה קענען דארט פארברענגען און זיך אנשעפן מיט פרישע כוחות, מיט באזונדערע אפטיילונגען פאר מענער און פרויען.

זעלבסטפארשטענדליך אז צוצושטעלן אזא פארק איז נישט אזא פשוט'ע זאך און דאס מיינט נישט בלויז צו אינסטאלירן אפאר גליטשערס, נאר דאס איז א ערנסטע פראיעקט וואס נעמט אריין אין זיך עטליכע חלקים, ווי צב"ש דאס צוגרייטן און אויסגראדן דעם באדן, צושטעלן פארקינג פלאץ פאר 100 קארס, צושטעלן די אינפערסטראקטשור פון די וואסער סוער און דרעינידזש, אויפבויען די נויטיגע געביידעס פאר ביה"כ און מענעדזשמענט אין דעם פארק, אהערשטעלן דעם ראוד וואס פירט אריין צום פארק, אין צוגאב צו דאס אויפבויען די שפילצייג ווי סווינגס, גליטשערס אא"וו.

## ווינטער תשע"א; אויסהאקן די ביימער

אזוי ווי דער שטח איז באוואקסן מיט טויזנטער גרויסע ביימער, דעריבער האט מען די ערשטע זאך געמוזט אפשניידן אלע ביימער און געוואוקסן צו קענען צוגרייטן א פרייען פעלד פון כמעט 10 אקער לאנד פאר דעם פארק.

דאס אויסהאקן ביימער איז גאר א שווערע פראצעדור, ווייל ווי באקאנט איז די רעגירונג היינט-צו-טאגס זייער שטרענג מיט אלע ענווייראנמענטאלע געזעצן, און דעריבער מוז יעדע זאך דורכגעפירט ווערן מיט א גרויסע מאס פארזיכטיגקייט און לויט די פונקטליכע פארשריפטן פון די ענווייראנמענטאלע אגענטורן.

איינס פון די חששות פון די ענווייראנמענטאליסטן איז, אז אויף די ביימער זענען איינקווארטירט אסאך באשעפענישן, איינע פון די הייסן "בעטס" - באקאנט אלס "פלעדערמויזן" - וועלכע געפינען זיך אין די וועלדער אין די זומער חדשים, און אויב מען וועט אויסרייסן דעם וואלד בשעת זיי זענען דארט, קען מען חלילה אומברענגען די באשעפענישן אויף וועמען די ענווייראנמענטאליסן האבן זייער שטארק רחמנות...

דעריבער זאגט דער געזעץ אז אין די חדשים ווען די באשעפענישן געפינען זיך אין די וועלדער טאר מען נישט אויסהאקן די ביימער. אין ליכט פון דעם האט מען זיך געמוזט צואיילן און אויסהאקן אלע ביימער אין די סאמע ווינטער חדשים, נאך איידער די פלעדערמויזן רוקן זיך אן אויפ'ן ארט.

אבער דאס אליינס איז נישט גענוג. מען האט געמוזט צום ערשט אראפרופן א פראפעסיאנאלע פירמע וואס זאל דורכפירן אן אונטערזוכונג אויף דעם גאנצן וואלד, צי עס איז טאקע ריין פון די באשעפענישן, און ערשט נאכדעם וואס זיי האבן דאס באשטעטיגט פאר די סטעיט, האט מען געקענט צוטרעטן צו די ארבעט.

## זומער תשע"א; אויסגלייכן די ערד

ווען די ארבעט פון אויסהאקן די ביימער איז פארטיג געווארן, האט מען זיך גענומען צום נעקסטן שטאפל פון אויסגראדן דעם שטח.

אזוי ווי דער פארק געפינט זיך אויף א גרויסן שטח פון 10 אקער לאנד וואס פארמאגט אין זיך העכערע און נידריגע ערטער, דעריבער איז איינס פון די וויכטיגסטע זאכן אויסצוגראדן דעם גאנצן שטח, אוועקצונעמען די בערג און אנצופולן די גריבער, צו קענען אהערשטעלן דעם פארק פאר'ן באנוץ פון די קינדער און ערוואקסענע.

דער ארבעט אליינס פון אויסגלייכן דעם גאנצן שטח און רוקן די בערג, האט געדויערט ארום דריי מאנאטן.

## וואסער און דרעינידזש

בשעת די ארבייט פון אויסגלייכן און צוגרייטן דעם שטח, איז אין די זעלבע צייט דורכגעפירט געווארן א באזונדערע ארבעט פון אריינציען די וואסער ליניעס אין דעם גאנצן שטח, וואס דארף גענוצט ווערן צו באוואסערן די גראז און ביימער איבערנאכט, און פאר די סינקס און די ביה"כ וואס וועט ווערן צוגעשטעלט אויפ'ן ארט. אזוי אויך איז אינסטאלירט געווארן די סוער און דרעינידש אפלויף וואס איז אויך געווען א טייל פון די ארבעט ביים צוגרייטן דעם באדן.

## די שאדנס פון דעם האריקעין

ביים לעצטן האריקעין האט דער פראיעקט אויך געליטן שאדנס פון די פארפלייצונגען, וואס האט עטוואס פארלאנגזאמט די ארבעט.

ווי געזאגט האט מען דאן געהאלטן גלייך נאכ'ן אויסגלייכן די ערד, און מען האט שוין אפי' געהאט איינגעפלאנצט גראז אויפ'ן גאנצן שטח, אבער אין ליכט פון די גרויסע פארפלייצונגען האט פאסירט עטליכע מאראסט פארשוועמונגען אויפ'ן שטח און די גאנצע גראז איז פארשוועמט געווארן און צוגרונד געגאנגען, און אויף עטליכע ערטער האט מען אויך געדארפט צוריק אויסגלייכן די ערד.

דאס האט געברענגט אז די ארבעט זאל זיך עטוואס פארלענגערן אבער די ארבעט איז גאר שנעל צוריק אריין אין שוואונג, מיט די ווייטערדיגע פאזעס פון גיסן די צעמענטענע קוירבס.

## די לעצטע פארשריט

אין די לעצטערע וואכן האט מען געגאסן די צעמענטענע קוירבס וואס טוען ארומנעמען די פארקינג לאטס, און די ריטעינינג ווענט ביי די ערטער אין דעם פארק וואס ווערן העכער, און מען האט אנגעהויבן אויספלאסטערן די פארקינג לאטס וואס וועלן ארומפירן אין דעם פארק.

אין די קומענדיגע חדשים וועלן בעז"ה נאכפאלגן די ווייטערדיגע פאזעס פון דעם פראיעקט מיט די האפענונג אז אויף דעם קומענדיגן חול המועד (משיח זאל אוודאי קומען פריער) וועט דער פארק שוין שטיין צום באנוץ צום צופרידנהייט פון תושבי קרית יואל.




מאפע פון דעם געגנט ארט פונעם קרית יואל קינדער פארק וואס ווערט יעצט אויפגעשטעלט דורכ'ן ווילידזש אין די גרעניצן פון טאון אוו מאנרא

דער צוקונפטיגער ראוד וואס וועט פירן צו די וואסער קוועלער און צום "קינדער פארק"

# דערהויבענער ימים-טובים-סעזאָן געפראַוועט אין בליענדער "שכונת ברך משה" געגנט

## צייטווייליגער ביהמ"ד איבערגעפולט עד אפס מקום - דרינגענדער געברויך פאר הקמת בית המדרש החדש קומט ווידעראמאל ארויף צום אויבערפלאך

(פארזעצונג פון זייט 5)

אונטערנעמונג, דורכן מרחיב זיין די גבולי הקדושה און "אויסברייטערן דעם בית המדרש" אויף אן אופן אז עס זאל צוקומען 42 פרישע זיץ-פלעצער פאר מתפללי הביהמ"ד.

לימינם פון די חשובע עסקנים שיחיו זענען צושטאנען חשובע נכבדי קהלתינו הק', אין שפיץ פון הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו ווילידזש אדמיניסטראטאר, וועלכער איז געווען שטארק אינסטרומענטאל און איבערגעגעבן ברוח נדיבה צו די רעכטע האנט פון די עסקנים, צו פארזיכערן אז דער פראיעקט זאל אויסגעפירט ווערן מכח אל הפועל לשמחת לבם פון די פילצאליגע תושבי השכונה.

אין די זעלבע צייט איז אויך אהערגעשטעלט געווארן א ספעציעלער מקום מיוחד אין ביהמ"ד, וועלכע איז מוכשר ללימוד התורה אלס "היכל התורה", כדי די מנינים און שיעורים ברבים אין ביהמ"ד זאלן נישט געשטערט ווערן, און די לומדי תורה זאלן קענען עוסק זיין בתורה בהתמדה רבה און מיט מנוחת הנפש.

דורכן הרחבת הגבולים אין ביהמ"ד זענען, ווי ערווענט, צוגעקומען פילצאליגע פרישע זיצן, און די ספסלי ביהמ"ד זענען ניתוסף געווארן ביז א סך הכל פון נאנט צו 200 זיץ-פלעצער, וועלכע זענען באלד ארויסגעדינגען געווארן דורך די פרישע תושבי השכונה, און זענען באזעצט געווארן, עד אפס מקום.

אין ליכט פון דעם האבן די הנהלת הביהמ"ד געדינגען א ספעציעלע טרעילאר מיט נאך ביה"כ פאר דעם געברויך פון די פילע מתפללים

### ברוב עם הדרת מלך

אלס א ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג האט געדינט דער העכסט-תוכנ'פולער שיעור אין פרקי אבות וואס הגה"צ דער רב שליט"א האט פארגעלערנט דעם ערשטן אלול'דיגן שבת קודש נאכמיטאג, שטייענדיג אין חודש אלול, וואו דער רב שליט"א - וועלכער איז בארימט מיט זיין לשון לימודים און רייכע שפראך - האט שטארק מעורר געווען דעם ציבור תושבי השכונה בהתעוררות רב, וועלכע האט געשטעלט דעם טאן פאר די הייליגע טעג אין די גאנצע געגנט.

פרישע תושבי השכונה מערקן טאקע אן אז טראצדעם וואס דער בית המדרש איז פארברייטערט געווארן, און א גרויסער טייל פון די מתפללי הביהמ"ד זענען היפש אפגערוקט פונעם כותל המזרח אין ביהמ"ד, דאך הערשט דורכ'ן גאנצן דאווענען א ווארעמער קול תפילה, און א שטילקייט בשעת קריאת התורה, כראוי וכנכון פאר א סאטמארער ביהמ"ד.

אריינקומענדיג אינעם היכל הבית המדרש דורכאויס די הייליגע טעג האט מען טאקע געקענט טאפן אין די לופטן דער התרגשות'דיגער געפיל וואס האט ארומגענומען יעדן איינעם, דער אויסגעברייטערטער היכל הבית המדרש איז געווען איבערגעפולט מלא על כל גדותיו, וואס האט אריינגעברענגט דעם ציבור אין א רוח מרומם.

א ספעציעלער התעוררות'דיגער שטימונג האט ארומגענומען אלע מתפללי הבית המדרש, ווען דער רב שליט"א האט משמיע געווען הארציגע דברי כיבושין בעפאר תקיעת שופר, זייענדיג מעורר הלבבות לתשובה, און דאן האט דער רב שליט"א געדאווענט די תפילות דמוספין מיט א שטארקע התעוררות.

טראצדעם וואס יום הקדוש האט דער גרעסערער טייל ציבור מיטגעהאלטן די געהויבענע תפילות אין ביהמ"ד הגדול אינאיינעם מיט אלופי אלפי ישראל, אין שפיץ פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א, האט זיך אבער אויך אנגעזען א שיינער ציבור פון די געגנט, וועלכע פארמאגן קינדער-געבענטשטע משפחות און זענען נישט ערמעגליכט געווארן מיטצוהאלטן די תפילות אין ביהמ"ד הגדול, און זענען פארבליבן דאווענען בשבת אחים אין שכונת ברך משה, וועלכע איז צוגעגאנגען מיט א השתפכות הנפש און ווארעמקייט.

### כי חג ה' לנו, זה חג הסוכות!

ווידעראמאל האט זיך ארויסגעצייגט דער ברידערליכער און אחדות'דיגער אטמאספערע וואס הערשט אין שכונת ברך משה, ווען פילצאליגע עסקני

(פארזעצונג אויף זייט 13)


ביהמ"ד ישמח משה

ד'שכונת ברך משה

שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר – קרית יואל

בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

2 פראנקפורט רד. 002#

בעזהשי"ת

תשרי תשע"ב לפ"ק

# וכל העוסקים בצרכי ציבור!

מי שברך אבותינו אברהם יצחק ויעקב הוא יברך וכו' ואת מי שמיחדים בתי כנסיות לתפילה

והנה כי כן יברכו כל אלו שעזרו

להרחיב היכל בית מדרשינו ולשכלל הדר נוסף ל'היכל התורה' ו'בית הוראה'

בראש וראשונה

האי גברא יקירא אשר יום ולילה לא ישבות להרבות פעלים לתורה ולתעודה בעירינו

הרה"ח ר' גדלי' יקותיאל סעגעדין הי"ו

מראשי וממנהלי הקרי'

שעמד לימינינו על כל צעד ושעל להרחיב גבולי הקדושה

מוה"ר יואל הכהן ראזענבערג הי"ו

שנטל על שכמו כל המלאכה מרישא ועד גמירא

לע"נ אחיו הבחור החשוב יהודה ע"ה בן יבלחט"א הרה"ח ר' אביגדור אברהם חנוך הכהן נ"י

מוה"ר אפרים ווייס הי"ו

מוה"ר דוד ביקעל הי"ו

מוה"ר יצחק צבי פרידריך הי"ו

מוה"ר יהודה סאנדל הי"ו

מוה"ר יואל איידליס הי"ו

מוה"ר יואלברא"ח ליכטענשטיין הי"ו

מוה"ר דוד יואל כהן הי"ו

מוה"ר יואל ברא"ח ליכטענשטיין הי"ו

שעשו את כל הקאנסטראקשע"ן

הרה"ח ר' ליפא גראס הי"ו

מראשי קהילתינו הקדושה קהל יטב לב

שנדב שלש "עיר קאנדישאנס"

מוה"ר יואל סימאן הי"ו

שעשה את כל מלאכת "עלעקטריק"

תושבי 2 פראנקפורט החשובים שיחיו

מוה"ר יואל בר"א קויפמאן הי"ו

מוה"ר יצחק צבי פרידריך הי"ו

מוה"ר חיים עזרא ברוינער הי"ו

מוה"ר שלמה ניימאן הי"ו

מוה"ר משה גליק הי"ו

שהרשו להעמיד הטרעילער של הביה"כ של העזרת נשים

וכמו כן הסוכה של בית מדרשינו על הפארקינג לאט

לצורך מתפללי בית מדרשינו לחודש תשרי

משפחת הרה"ח ר' דוד לייב גרינפעלד ע"ה

לעילו נשמתו: הרה"ח ר' דוד יהודה ב"ר אברהם שלמה ע"ה

הרה"ח ר' אלימלך דייטש הי"ו

חבר ועד הבית הוראה דקהלתינו הק'

שקנה זכות ה'בית הוראה'

מוה"ר יוסף ישראל גרינפעלד הי"ו

שנדב "טיילס"

מוה"ר יואל מאשקאוויטש הי"ו

שנדב מלאכת השיטרא"ק\פעינ"ט

בשם מתפללי מדרשינו צרופה בזה ברכותינו שזכות התורה ועבודה של הבית הקדוש הזה יעמוד לו לראות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו מתוך הרחבת הדעת עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א בראשינו במהרה בימינו אמן.

הנהלת הביהמ"ד, בשם כל תושבי השכונה

# דערהויבענער ימים-טובים-סעזאָן געפראַוועט אין בליענדער "שכונת ברך משה" געגנט

**ציטווייליגער ביהמ"ד איבערגעפולט עד אפס מקום - דרינגענדער געברויך פאר הקמת בית המדרש החדש קומט ווידעראמאל ארויף צום אויבערפלאך**

(פארזעצונג פון זייט 12)

השכונה האבן מיט די אייגענע הענט אויפגעשטעלט א ריכטיגע "סוכה גדולה והרחבה" פון אריבער 1,300 סקווער פיס, נאכצוקומען דעם געברויך פונעם ריזן ציבור תושבי השכונה שיחיו דורכאויס די ימי החג.

ספעציעל איז געווען א מחזה מיטצוהאלטן ווען מען האט ארויסגעהאנגען א מודעה פאר די תושבי השכונה אז מען נויטיגט זיך אין "סכך" פאר די צענטראלע סוכה, און ביז א קורצע צייט האט זיך אנגעזען פילצאליגע חשובע תושבים שפאנען פון אלע זייטן מיט בינטלעך סכך אויף די פלייצע, אזוי אז דער פלייץ פון סכך איז געווען די והותר...

די גרויסע און הרחבה'דיגע סוכה איז אויפגעשטעלט געווארן לכבוד ולתפארת נישט ווייט פונעם היכל הבית המדרש, אבער א באזונדערע קלענערע סוכה איז אויפגעשטעלט געווארן דורך "ועד הקאווע" הארט נעבן ביהמ"ד, פאר קאווע; אתרוג-בענטשן; וכדומה.

אין לויף פון די ימי חול המועד איז צוגעשטעלט געווארן מניני שחרית א יעדן אינדערפרי, און טראצדעם וואס געוועהנליך איז דערוויל נאכנישט דא קיין "וואכעדיגע מקוה" מיט אלע הצטרכות'ן, אבער לכבוד חוה"מ האט מען אלעס צוגעשטעלט און עס האט זיך א יעדן אינדערפרי געווירבלט מניני שחרית ברוב עם הדרת מלך.

ביי דער געלעגנהייט זענען צוגעשטעלט געווארן הערליכע שיעורים, מקיים צו זיין דעם מאמר חז"ל "לא נתנו שבתות וימים טובים לישראל אלא כדי שיעסקו בהם בתורה". א ריזן ציבור משתתפים האבן זיך באטייליגט ביים ספעציעלן שיעור נפלא, על דרך שאלות ותשובות, וועלכע איז שוין צום-צווייטן-מאל פרעזענטירט געווארן פאר די תושבי השכונה. די שאלות זענען פארגעלייגט געווארן דורך הר"ר מיכל פריעדמאן שליט"א מרבני מבצר הכוללים, און די תשובות זענען געענטפערט געווארן בטוב טעם ודעת להלכה ולמעשה דורך הרה"ג ר' יואל קאהן שליט"א מגי"ש בביהמ"ד.

דער הערליכער שיעור האט זיך פארצויגן אויף א לאנגע צייט, און דער ריזן ציבור משתתפים האבן אויסטערליש נהנה געווען דערפון, און זיך אנגעזאפט מיט פילצאליגע ידיעות וועלכע וועט זיי באגלייטן לכל אורך הדרך.

די ווערטער פונעם נעים זמירות ישראל דוד המלך ע"ה "הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד", איז שטארק פאסיג אויף די חשוב'ע חבריא, תושבי שכונת ברך משה, ס'איז פשוט געשמאק און באַ'טעמ'ט מיטצוהאלטן א "שלום זכר" און זיין נמנה להנהו חבורתא. אלע משתתפים, עלטערן און קרובים, ווערן מיטגעשלעפט מיטן ברידערליכן גייסט, יעדער שפירט זיך אזוי היימיש און באקוועם, צו זיצן מיט אזא סביבה, שעפנדיג דערפון חיזוק און פארגעניגן.

און ווער רעדט נאך ווען עס ווערט געפראוועט א "שמחה" אינעם "זמן שמחתינו", דאן איז עס אין די בחינה פון "לעילא ולעילא", און טאקע בליל שבת חול המועד איז זיך דער ריזן ציבור געקומען מיטפרייען ביים שלום זכר פון בן הנולד למזל טוב צו איינעם פון די חשובע תושבי השכונה, האברך החשוב מוה"ר יואל ברמ"י הירש הי"ו, חבר הנהלת מפעל קביעת עיתים דקהלתינו הק'.

דער שלום זכור איז באשיינט געווארן דורכן רב שליט"א, וועלכער האט ווי שטענדיג 'געהויבן' די גאנצע מסיבה, אריינברענגענדיג א גייסט פון התרוממות, און מען האט פארברענגט בדברי תורה, און די משוררי השכונה האבן מנעים געווען בשירה וזמרה לכבוד זמן שמחתינו ולרגל השמחה אין די שכונה, פאר לאנגע שעה'ן נאכאנאנד.

*

תושבי קרית יואל בכלל און די תושבי השכונה בפרט וואונטשן פאר די אלע חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען עוסק למען הרחבת הגבולים, אז זיי זאלן ווייטער מצליח זיין אין זייערע אונטערנעמונגען להרחבת גבולי התורה והקדושה, ולהגדיל תורה ולהאדירה.

## דברי חיזוק והדרכה שהשמיע

# כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

**אל תושבי שכונת ברך משה**

### בסעודת שבע ברכות בהיכל בית המדרש ישמח משה דקהל יטב לב די מקץ תשע"א

שמחתי באומרים לי בית ה' נלך. וויל איך דא באגריסן, מען קומט אהער דא צו די שבע ברכות אין די געגנט וואס הייסט שכונת ברך משה א נייע געגנט בויט זיך, די געגנט בויט זיך יעצט א נייע געגנט, קרית יואל האט זיך אזוי אנגעהויבן אין קליינעם און זיך אויסגעשפרייט די זייט, יענע זייט. נייע געגנטן נייע שכונות איז אויסגעוואקסן קר"י א עיר לשם ולתפארת ולתהילה, מיט די אלע משפחות וואס האבן זיך אריינגעצויגן דא און אונטערגעוואקסן גדיים נעשו תישים אזוי איז צוגעקומען און אויפגעשטעלט אזא שיינע שטאט.

מען קומט דא אין ביהמ"ד, די מתפללי הביהמ"ד האבן געמאכט א שבע ברכות לכבוד מיין איידעם די רב דא אין ביהמ"ד אזוי ווי עס פאסט. באמת וויל איך זאגן איך הנאה צו הערן אזא שיינעם שיעור ברבים צענדליגע יונגעלייט זיצן און הערן צו יעדע נאכט די שיעורים תמידים כסדרן איך שטעל מיך פאר אז עס איז דא אויסער דעם שיעורים חברותות מיין איידעם איז דא אין ביהמ"ד און פירט א שיינעם ביהמ"ד לשם ולתפארת מען איז אזוי צופרידן באהבה אחוה שלום ורעות.

מען קומט אין דאס ביהמ"ד אין א קעלער ווי מען קוקט דאס אן, אזוי האט זיך קרית יואל אנגעהויבן אויך דאס ביהמ"ד איז געווען אין א קעלער און איז אויסגעוואקסן מיט א שיין גרויס ביהמ"ד, דא וועט אי"ה אויך זיין, אין אנדערע געגנטן האט זיך אויך אנגעהויבן אזוי אין קליינעם איבעראל האט קהל געזעהן עס זאל זיין בתי מדרשים דא אין דעם געגנט וועט אויך זיין מיטן אייבערשטנ'ס הילף א שיין גרויס ביהמ"ד עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל שיקבעו בא"י אזא ביהמ"ד וועט נישט זיין עפעס לכבודו... דאס וועט מען טראגן?... מען בויט אויף א בית הערליך לרומם בית ה'! ווי עס איז ראוי מכבד צו זיין דעם בורא כל עולמים מען וועט נעמען די שיינע בתי מדרשים און טראגן קיין ארץ ישראל לכבוד ולתפארת דער אייבערשטער וועט העלפן מען וועט אויפשטעלן דא א שיינעם ביהמ"ד די פלאן איז שוין דא סוף מעשה במחשבה תחלה עס איז שוין במחשבה דא אויפצושטעלן א שיין ביהמ"ד.

נאר איך האב אזוי געקלערט ילמוד תורה בטהרה מיר זענען געווען היינט נאכט קלאפן די מזוזה אויף די מקוה טהרה דא פאר שבת קודש, עס וואוינען שוין דא האב איך היינט געהערט הונדערט משפחות, הונדערט משפחות אינדערהיים איז דאס שוין געווען א כמעשהדי'ג שטעטל, עס איז דא הערשט אן התחלה דא, נאך נישט אלעס איז אויפגעבויט, נאך נישט יעדער אריינגעצויגן, עס וועט אי"ה נאך זיין דא, אפאר הונדערט יודען וועלן דא וואוינען עס וועט זיין א שיינע געגנט אין שטאט קרית יואל א שיינע שכונה, שכונת ברך משה פאר'ן טאטן ז"ל וועט עס זיין א כבוד לשמו ולזכרו, קרית יואל איז געווען ביי איהם אזוי חשוב אזוי טייער אזויפיל געקעמפט פאר קרית יואל אכטונג געגעבן, און געקומען אהער און אזוי הנאה געהאט איז אוודאי נחת רוח לנשמתו בעולם העליון אז אין קרית יואל איז דא א גאנצע געגנט וואס איז גערופן געווארען לשמו ולזכרו שכונת ברך משה. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען גומר זיין א בית המדרש אזוי ווי מיר האבן געשמועסט מיט סעיתא דשמיא.

איך וויל דא זאגען פאר'ן ציבור די ערשטע הונדערט אידן, ס' בויט זיך אויף א נייע געגנט, די ערשטע וואס ציען זיך אריין אין א געגנט זיי לייגען דעם חותם, זיי שטעלן דעם חותם אין ביהמ"ד זיי שטעלן דעם יסוד, איז דא איידעלע יונגעלייט וואס לערנען און דאווענען אין ביהמ"ד פירט מען זיך אויף איידל אין שטוב פירט מען זיך אויף איידל אין די גאס פירט מען זיך אויף איידל, דאס גאנצע התנהגות פון די בני בית אלעס איז א ערליכע א חסידיש'ע א געהויבענע און א אפגעהיטענע התנהגות, דעמאלטס די שטעלן אוועק די יסוד פאר די געגנט, ס'קומט צו נאך א יונגערמאן און נאך א יונגערמאן און נאך איינער איז זיך קובע מען האט אוועקגעשטעלט א ערליכע יסוד, יעדער איינער וואס עס קומט צו חזי לאצטרופי שטעלט זיך אויך צו דעם וואס איז דא און אזוי ווערט עס א שיינע קהילה א שיינע געגנט א ערליכע געגנט, טאמער חלילה נישט דעמאלטס איז ווער עס קומט צו פאלט אויך אביסל עס שאדט פאר זיך עס שאדט פאר די שכנים עס ווערט א ביליגע קלאס, דארפן וויסן דא די אלע תושבים בכם הדבר תלוי עטס זאלט'ס זעהן צו האלטן די געגנט עס זאל זיין א אויסגערופענע געגנט מען זאל וועלן זאגן ווי איז דא א שיינע חסידיש'ע ערליכע געגנט? שכונת ברך משה לשם ולתפארת ולתהלה! עס וואוינען תושבים כולם אהובים כולם ברורים מחנך שיין די קינדער ערליך מחנך די קינדער קומען אין ביהמ"ד מיט א ערליכקייט מען דאוונט מען שמועסט נישט ביים דאווענען און ביים לייענען מען פירט זיך אויף ביים לייענען מיט דרך ארץ צו די ספר תורה און אזוי אין אלע ענינים בין אדם למקום ובין אדם לחבירו באהבה ואחוה ושלום ורעות איינער מיטן צווייטען.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס וועט זיין א שיין ביהמ"ד מען האפט טאקע אויפצובויען א שיין ביהמ"ד, א גרויס ביהמ"ד הויך ברייט און לעכטיג מיט אלעם, א שיין ביהמ"ד איז די פשט אז עס איז דא שיינע מתפללים ערליכע מתפללים אין אמעריקא איז דא שיינע גרויסע שוהלען אבער אינווייניג די פנימיות איז גארנישט עס איז נאר חיצוניות, א שיינע שוהל א שיין ביהמ"ד מיינט תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם עס איז דא אידן חסידיש'ע יונעלייט וואס טוהען בעבדות ה' אפילו די וואס זיי גייען על המחי' ועל הכלכלה די וואס זיי גייען ארבעטען קומען ערב ובוקר מען קומט צו א שיעור מען לערנט מען דאוונט און מען דינט דעם באשעפער מען איז מחנך די קינדער חינוך הבנים חינוך הבנות צו תורה און עבודה יראת שמים גמילות חסדים וכל דבר שבקדושה דאס איז א שיינע אידישע געגנט.

די אייבערשטער זאל העלפן די גבאים די אלע עוסקים במלאכת הקודש וואס זענען עוסק אין ביהמ"ד און פאר די מקוה טהרה דער אייבערשטער זאל זיי העלפן תענוג ונחת אי"ה ביי די אייגענע קינדער מיט אלע תושבי השכונה.

די אייבערשטער זאל העלפן מיין איידעם די רב דא די אייבערשטער זאל איהם העלפן ער זאל האבן גרויס הצלחה הן ער זאל קענען אויפטוהן לרומם קרן התורה ולהאדירה און הן ער זאל האבן תענוג ונחת ביי די קינד וואס איז יעצט די ערשטע קינד א גוטע התחלה די אייבערשטער זאל העלפן ביי אלע אנדערע קינדער זעהן ווייטער מיט געזונט מיט אלעם גוטן ביז די אייבערשטער וועט העלפן מהרה ה' אלוקינו ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה די אייבערשטער זאל העלפן מען זאל הערן דעם קול שופר של משיח במהרה בימינו אמן.

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

טראנספארטאציע דעפארטמענט

# ונשמרתם מאד לנפשותיכם

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים
ווען די סקול באסעס קורסירן אין די גאסן
ווען עס איז שוין טונקל

**טוען מיר נאכאמאל דערמאנען און אויפפאדערן**
**דעם גאנצן ציבור, מענער און פרויען, יונג און אלט**

# צו גיין מיט א רעפלעקטאר!

**ס'איז ממש סכנת נפשות עס צו פארנאכלעסיגן!**

**ספעציעלע בקשה צו די עלטערן:**

עס איז אייער פליכט און אחריות צו מאכן זיכער אז די קינדער גייען אנגעטאן מיט רעפלעקטארס אויף זייערע מאנטלען.

## וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום

מיט דאנק

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# א יאר צום געדענקען...

# ת'פארת ע'ירנו - א'נשי ש'לומינו

**א ברייטערן איבערבליק איבער די אקטיוויטעטן להרחבת גבולי הקדושה בעיר קרית יואל אין דעם פארלאפענעם יאר תשע"א, וואס רעכנט אריין מולטי מיליאן דאלארדיגע פראיעקטן און נייע נויטוויכטיגע סערוויסעס פון וואס יעדער יחיד איז נהנה, וואס איז בעז"ה צושטאנד געקומען דורך די חברי הנהלת הקריה אן דארפן העכערן דעם "ווילידזש טעקס" פאר'ן ציבור אפי' מיט 1 דאלאר**

אריינטרעטנדיג מיט'ן רעכטן פוס אין דעם נייעם יאר תשע"ב הבעל"ט, איז די פאסיגסטע צייט צו כאפן א שטיקל איבערבליק און קוקן אויף צוריק, וויפיל מען האט בעז"ה דערגרייכט אויפצוטון מיט'ן פאראייניגטן כח הרבים פון דעם גאנצן ציבור אנשי שלומינו וועלכע שטרענגען זיך אן יערליך ארויסצוקומען שטימען פאר די פאליטישע קאנדידאטן, וואס די רעזולטאטן שפעטיגן נישט צו קומען, און יעדער יחיד טוט דערפון געניסן מיט א ברייטע האנט.

עס איז איבריג ארויסצוברענגען אז רובם ככולם פון די אלע פראיעקטן וואס זענען אדורכגעפירט געווארן מכח אל הפועל אין דעם פארלאפענעם יאר תשע"א, זענען אלעס פירות פון יארן לאנג שתדלנות און הארעוואניע וואס מען דארף אריינלייגן פון ווען מען הייבט אן מיט די פלענער ביז מען האלט שוין ביי די בוי ארבעט, און ביז מען איז זוכה בעז"ה לברך על המוגמר אין א גוטע שעה.

אזוי ווי רוב פון די גרעסערע פראיעקטן וואס ווערן אויפגעבויעט דורכ'ן ווילידזש ווערן אויפגעבויעט מיט רעגירונגס פאנדן, דעריבער דארף דער ווילידזש אריבערגיין לאנגע ביוראקראטישע פראצעדורן ביי יעדן פראיעקט, וואס דאס טוט שטארק פארלענגערן די ארבעט. אבער ווען די ריכטיגע מינוט קומט אן שטייען שוין די אלע פראיעקטן צום דינסט פונעם ציבור מיט צופרידנהייט.

ביי טייל פון די פראיעקטן האט דער ווילידזש געדארפט אליין צולייגן פון 5% ביז 20% פון די קאסטן, ווי עס לויטעט די גאווערמענט רעגולאציעס, און ביי טייל פראיעקטן ווי דער "קינדער פאַרק" און נאך, האט דער ווילידזש געדארפט ארויסנעמען באנדס אינגאנצן אויף די אייגענע קאסטן, און מ'צאלט דאס אפ אין פעימענטס. פון אלע פראיעקטן אינאיינעם איז דאס אויסגעקומען שווערע געלטער וואס דער ווילידזש האט אויסגעגעבן אין דעם פארגאנגענעם יאר אליינס, וואס מיט דעם אלעם האט מען נישט געהעכערט קיין טעקסעס פון די איינוואוינער, נאר פארקערט די איינוואוינער האבן זיך פיל געשפאָרט דורך די אלע פראיעקטן, ווצב"ש דאס פאררריכטן די צעבראכענע סיידוואקס, וואס וואלט אין אנדערע ערטער געפאלן אויף די היים אייגענטומער זעלבסט צו פאררריכטן.

ווען מען נעמט צוזאם אלע פראיעקטן אינאיינעם איז שווער צו גלייבן וויפיל מען קען אלץ אויפטון אין איין יאר, אבער ווי געזאגט קען דער כח הרבים אלעס באווייזן מיט'ן אויבערשטנס הילף. אט טוען מיר אייך פארשטעלן א ליסטע פון די גרעסערע פראיעקטן וואס זענען אויסגעפירט געווארן אין דעם פארגאנגענעם יאר, ליינט מיט שפאנונג:

## ערשטע צאל גליקליכע משפחות קלאוזן אויף עפארדעבל דירות נאך דעם היסטארישן "עפארדעבל דירות" געזעץ

אין לויף פון דעם פארלאפענעם יאר תשע"א האט די שטאט שוין אנגעהויבן צו זען די פירות פון דעם גראנדיעזן "עפארדעבל האוזינג" געזעץ וואס איז דורכגעפירט געווארן מיט ארום 4 יאר צוריק, דורכ'ן קרית יואל ווילידזש.

דער ווילידזש האט א לאנגע צייט געארבעט אויף דעם געזעץ עס זאל זיין לעגאל און צופרידנשטעלנד פאר'ן גאנצן ציבור, און אפילו נאכ'ן ערלעדיגן דעם געזעץ און זאונינג טויש האט נאך געדארפט דויערן א שטיק צייט ביז ווען דער געזעץ האט געקענט אנהייבן צו ברענגען פירות, ווען אינמיטן האט זיך נאך אונטערגערוקט דער מארטגעדזש קריזיס און אנדערע אומשטענדן וועלכע האבן נאכמער פארלאנגזאמט דעם פראצעדור.

אבער אין דעם פארגאנגענעם יאר תשע"א האט מען שוין געקענט מאכן דעם שהחיינו וקימנו והגיענו מיט א שם ומלכות, ווען די ערשטע עפארדעבל דירות זענען שוין געקלאוזט געווארן בשעה טובה ומוצלחת, און פון צווישן די נייע איינוואוינער הערט מען ב"ה געוואלדיגע גריסן אז זיי האבן באקומען צוגעשטעלט הערליכע דירות אויפ'ן בעסטן פארנעם, מיט דער פולער קאאפעראציע פון די חשוב'ע בילדערס וועלכע זענען אויך העכסט צופרידן פונעם געזעץ, וואס ערמעגליכט זיי צופרידנצושטעלן די שטאט'ס איינוואוינער און אויך געניסן פון די ברייטערע מעגליכקייטן. זה נהנה וזה נהנה.

דורכאויס דעם פארגאנגענעם יאר זענען שוין געקלאוזט געווארן די ערשטע אריבער צוויי צענדליג עפארדעבל דירות אויף די גאסן פון לעמבערג, פראג, און קארטער לעין, און אצינד ווערן נאך צענדליגער דירות פארטיג איבער די גאנצע שטאט, - וועלכע ווערן אויך צוגעשטעלט פאר עפארדעבל פרייזן, - און וועלן גאר אין נאנטן ווערן געקלאוזט צו די שטארקע צופרידנהייט פון די קאסטומערס, בילדערס, און די גאנצע שטאט.

*

## "מערידזש לייסענס" אין קרית יואל

אין א גאר זעלטענע און היסטארישע דערגרייכונג איז בעז"ה געלונגען נאך לאנגע יארן הארעוואניע צו ערלעדיגן, אז מ'זאל קענען באקומען "מערידזש לייסענס" גלייך פונעם קרית יואל ווילידזש אפיס און נישט דארפן קריכן ביז צום גוי'אישן אפיס אין טאון אוו מאנרא!

ס'איז גוט באקאנט פאר יעדן וואס גייט אדורך דעם פראצעדור ביי זיך אדער ביי די קינדער, וויפיל אומבאקוועמליכקייטן מען איז דורכגעגאנגען בעבר ביז מען האט באקומען דעם וויכטיגן דאקומענט. ובפרט  ביי אונז חסידי'שע אידן וואו עס איז איינגעפירט אז די חתן און כלה טרעפן זיך נישט בעפאר די חתונה, דעריבער איז געווען אומבאקוועם דורכצופירן דעם פראצעדור אין א גוי'אישן אפיס וועלכע פארשטייען נישט צו די סענסיטיוקייט פון די זאך.

א לענגערע צייט האבן די ווילידזש באאמטע געארבעט אויף פארשידענע פראנטן, צו קענען ערלעדיגן אז היימישע קרית יואל'ער פארפעלקער זאלן קענען באקומען דעם וויכטיגן סערוויס אין א צוגענגליכן פלאץ דא אין קרית יואל און אין א היימישע אטמאספערע.

יעדע מוניציפאליטעט - סיטי אדער טאון - אין אמעריקע איז געזעצליך באאויפטראגט אנצופירן מיט'ן דאקומענטירן און ארויסגעבן די לעגאלע 'ווייטעל רעקארד' דאקומענטן, א שטייגער ווי געבורט-שיינען (בווירט סערטיפיקעט), טויט-שיינען (דעד-סערטיפיקעט), און הייראט-שיינען (מערידזש לייסענס). משא"כ ביי א ווילידזש, וואס טראגט דעם וואס זי טוט יא ארויסגעבן די "בווירט סערטיפיקעט" און "דעד-סערטיפיקעט", קען אבער די ווילידזש געזעצליך נישט ארויסגעבן קיין מערידזש לייסענס.

מיט א יאר צוריק האט די ווילידזש זיך פארבינדן מיט די טאון באאמטע און זיי פארגעשלאגן אז די טאון זאל אויפנעמען איינעם פון די ווילידזש באאמטע אלס זייער פארטרעטער, און די טאון זאל ווייטער זיין די וועלכע גיבט געזעצליך ארויס די לייסענס, אבער אנשטאט וואס זי זאל נוצן נאר אירע אייגענע באאמטע ביי זיך אין אפיס, זאל זי אויך ערלויבן איינעם פון די ווילידזש באאמטע ארויסצוגעבן די לייסענס אינעם ווילידזש אפיס, אלס א פליגל פון די טאון!

א דאנק די אויסטערליש-גוטע באציאונגען האבן זיי אויסגעדרוקט גרייטקייט צו הערן פון דעם געדאנק און זיי זענען איינגעגאנגען אויפצונעמען א ווילידזש איינגעשטעלטן וואס זאל דינען אלס זייער שטעל-פארטרעטער, און אזוי וועט מען קענען מאכן די מערידזש לייסענס יעדן טאג ווען די ווילידזש אפיס איז אפן.

פארשטייט זיך אז אזוי ווי ביי דעם פאספארט אפטיילונג ווערן אלע פראצעדורן דורכגעפירט לויט ווי אזוי דער געזעץ שרייבט פאר, נאר אזוי ווי די ווילידזש באאמטע פארשטייען די געברויכן פונעם היימישן ציבור קען מען אלעס מסדר זיין אויפ'ן בעסטן און באקוועמליכסטן אופן.

*

## גראנדיעזער 'פארק און רייד' אויף בעיקערטאון ראוד

איינע פון די הויפט פראיעקטן וואס זענען היי יאר פארטיג געווארן און אריין אין באנוץ איז דער "פארק און רייד" פראיעקט אויף בעיקערטאון ראוד, א זאך מיט וואס מאסן רייזענדע באנוצן זיך טעגליך מיט צופרידנהייט, און דער פראָיעקט האט זיכער צוגעגעבן א באזונדערן שיינקייט ביים אריינגאנג צום שטאט.

דער פארק און רייד האט געברענגט א געוואלדיגע דערגרייכונג פאר די פילע תושבי קרית יואל וועלכע רייזן טעגליך מיט'ן באס. אידן קומען זיך צוזאם אינדערפרי נאכ'ן שיעור, מען פארקט די קארס, ווער עס וויל קויפט איין א פרישטאג אין דעם דערנעבנדיגן "באטער בלענד" געשעפט, און דערנאך נעמט מען דעם באס ברוב עם. אזוי אויך גרופעס יונגעלייט וואס שטעלן זיך צוזאם און פארן אינאיינעם צו די ארבעט אין פארשידענע מקומות, אלע באשטימען דעם צוזאמטרעף פונקט ביים באס סטאפ פונעם פארק און רייד.

מען דארף נישט קיין גרעסערע עדות פון דעם עצם פאקט אז דורכפארנדיג דעם פארק און רייד במשך

(פארזעצונג אויף זייט 23)



# LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 AM until 6:30 PM
**Friday:** from 9:00 AM until 1:00 PM - **Summer Months:** until 2:00 PM
**Sunday Winter Months:** from 10:00 AM until 6:30 PM
**Sunday Summer Months:** from 11:00 AM until 6:30 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Kahan by I. Zupnick
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Forest by Mountain :05
- Forest by Senior Citizens
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :09
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway :10
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Schunnemunk by Forest
- Liznsek (Drop Off)
- Koznits
- D.A. Wieder :15
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow :20
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :23
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch :25
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Shopping Center :35
- Garfield
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Acres - Krolla
- Acres & Lemberg :38
- Acres - Satmar
- Zupnick
- Meron by Kahan :40
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :42
- Girl's School - I. Zupnick
- Kahan by I. Zupnick :45
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla :48
- Acres by Forest
- Shopping Center :00

**EVEN HOURS**

**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :09
- Acres by Israel Zupnick
- Getzel Berger
- Meron (Filmore-Kalev Short cut) :10
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :13
- Israel Zupnick by Kahan :15
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Lemberg
- Acres by Krolla
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova :18
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off) :20
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :25
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- D.A. Wieder :30
- Koznits by Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Forest by Acres
- Satmar by Krolla :45
- Satmar by Hayes
- I. Zupnick by G. Berger :48
- Getzel Berger
- Kahan by I. Zupnick
- Toltchav by Dinev :00

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## BUS TRANSPORTATION SCHEDULE
(845) 783-8300 x14

# WALMART ROUTE
## TOWN ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 AM until 7:15 PM
**Friday:** from 10:00 AM until 2:00 PM **Summer:** 3:00
**Sunday:** from 11:00 AM until 6:00 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School (Drop Off)
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :08
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Kahan
- Girl's School-Bakertown
- Toltchav by Dinev :13
- Park & Ride :15
- Target :18
- Wal-Mart :20
- Spring St.
- Main by Franklin St.
- D.A. Wieder :30
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :45
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Acres
- Acres & Lemberg :48
- Bakertown
- Toltchav by Dinev :00

**EVEN HOURS**

**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Israel Zupnick
- I. Zupnick by Kahan
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest
- Forest by Mountain :05
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil)
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :08
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :15
- Van Buren by Garfield
- Rimenev by Quickway
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- Forest by D.A. Wieder :16
- 17-M
- Lake Rd. (Drop Off)
- Stage Rd.
- Spring St.
- Target :27
- Wal-Mart :30
- Toltchav by Dinev (Drop Off)
- Meron-leipnik :40
- Kahan by Israel Zupnick :45
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest :50
- Forest by Mountain
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :00

# WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:15 AM until 6:20 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Hayes by Forest
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain :35
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Getzel Berger
- Getzel Berger by Kahan :40
- Girl's School - Israel Zupnick
- Toltchav by Dinev :42
- Bakertown
- Park & Ride
- Dundenberg
- Rt. 32 (Drop Off)
- **Woodbury Common** :00
  (Shortline Bus Stop) on the Even hours
- Dundenberg
- Spring St.
- Main St
- Franklin Av.
- D.A. Wieder :11
- Toby
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas
- Chevron (Drop Off) :15
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin :18
- Forest
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

**EVEN HOURS**

**10:30-12:30-2:30-4:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- D.A. Wieder :31
- Toby & Mountanview
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :35
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Forest by Acres :38
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick :40
- Israel Zupnick
- Kahan
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Teverya
- Park & Ride :42
- **Woodbury Common** :00
  (Shortline Bus Stop) on the Odd hours
- Dundenberg
- Park & Ride
- Lipnick & Teverya :06
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Kahan
- Israel Zupnick by Kahan
- Toltchav by Dinev :10
- Girl's School, Bakertown :15
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Acres by Israel Zupnick
- Satmar by Acres
- Satmar by Siget
- Satmar by Hayes
- Krolla by Satmar
- Forest by Acres
- Forest by Mountain :18
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL
## TRANSPORTATION DEPARTMENT
# טיקעט אינפארמאציע

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשוב'ע רייזענדע, אז מיר האבן צוגעשטעלט טיקעט ביכלעך פאר'ן באקוועמליכקייט פון די רייזנדע, וואס וועט ערמעגליכן צו באקומען בעסערע פרייזן, און נישט קיין חילוק וויפיל געלט איר האט וועט איר שטענדיג קענען באצאלן פאר א ביכל:**

**פאר $2**
באקומט איר טשעינדזש 50 צענט טיקעט, וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל מיט א דאלאר.

**פאר $5**
באקומט איר א ביכל פון 3 טיקעטס און א 50 צענט טיקעט

**פאר $10**
באקומט איר 2 פון די $5 ביכלעך

**פאר $15**
באקומט איר א ביכל פון 11 טיקעט'ס. - ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $20**
באקומט איר א $15 ביכל מיט א $5 ביכל ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $30**
באקומט איר א ביכל פון 23 טיקעטס ד.ה. אז איר באקומט 3 טיקעטס אומזינסט




**אויב פארט איר קיין וואודבערי קאמען אדער וואל מארט דאן צאלט נאר $2.60 (2 טיקעט'ס) אנשטאט $3**

**קויפט א $30 ביכל און צאלט נאר $1.30 פער טיקעט** אנשטאט $1.50

**אכטונג!**
**מאכט זיכער אז איר באצאלט אייביג, און איר בלייבט נישט שולדיג און נישט מיט קיין קרעדיט**

מיט דאנק
**ווילידזש טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# געדענקט:
**אז איר ווילט זיך שפארן $4.50, קויפט די $30 ביכל, וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.**

**וואודבערי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $3.00 |
| עלטערע/דיסעבלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | $1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**לאקעל רוט / טאון רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $1.50 |
| עלטערע/דיסעבלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | 75 סענט |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 2-4-1 783-8300
פאר סקעדזשול טוישונגען

# מאפע פון טאון און וואודבערי רוטס

די צוויי קאלירען זענען פונעם זעלבען באס
נאר עס פארט אויף צוויי באזונדערע רוטס

**די בלויע ליניע**

**פארט אין די EVEN שעות**

**10:00, 12:00, 2:00, 4:00, 6:00,**

**די רויטע ליניע**

**פארט אין די ODD שעות 9:00,**

**11:00, 1:00, 3:00, 5:00,**

עס איז ראטזאם דאס אויסצושניידן פאר'ן פראקטישן באנוץ




די גלייכע ליניעס

איז די טאון/וואל מארט רוט

און די געהאקטע ליניעס

איז די וואודבארי קאמענס רוט

צו וואודבערי קאמענס

# מאפע פון די לאקעל רוט אין קרית יואל

די באס פארט אלעמאל אויף די זייט וואו עס זענען אנגעצייכנט די שפיצן פון די פיילן (עראוס)




ביים שאפינג סענטער און אויף סעקשאן 1 ביז
העים קט. פארט דער באס 2 מאל אריבער און
די EVEN שעה (די בלויע רוט), און 2 מאל אין
די ODD שעה (די רויטע רוט)
(עס איז נישט אנגעצייכנט מיט דאפלטע
ליניעס צוליב מאנגל אין פלאץ)

די צוויי קאלירען זענען פונעם זעלבען באס
נאר עס פארט אויף צוויי באזונדערע רוטס

**די בלויע ליניע**

**פארט אין די EVEN שעות**

**10:00, 12:00, 2:00, 4:00, 6:00,**

**די רויטע ליניע**

**פארט אין די ODD שעות 9:00,**

**11:00, 1:00, 3:00, 5:00,**

עס איז ראטזאם דאס אויסצושניידן פאר'ן
פראקטישן באנוץ

ANASH United Citizens of Kiryas Joel | אנ"ש דקרית יואל
קרית יואל
וואל קאמיטע שע"י

# אנווייזונגען איבער דעם עלעקטעראנישן וועג צו שטימען

## וואס איז אריין אין קראפט פארגאנגענעם יאר

### 1. ווען מען קומט אן אין שטים פלאץ

- ❖ שרייבט אונטער אייער נאמען אין דעם שטים בוך אזוי ווי ביז היינט
- ❖ איר וועט באקומען א פאראויסגעדרוקט פאפיר בעלאט אויף וועלכן עס וועלן זיין אויסגערעכנט די נעמען פון אלע קאנדידאטן, דער פאפיר בעלאט וועט ספעציעל זיין איבערגעדעקט פאר אייער פריוועסי.
- ❖ דערנאך וועט זיין צוגעשטעלט ספעציעלע אפגעטיילטע פריוואטע טישלעך וואו איר וועט אויספולן דעם בעלאט און אפגעבן אייער שטימע.

### 2. אויספולן דעם שטים בעלאט

- ❖ צייכענט אן די קאנדידאטן פאר וועם איר שטימט. (אויפ'ן פאפיר בעלאט געפונט זיך א רינגל נעבן יעדן נאמען פון די קאנדידאטן, צו שטימען פאר א קאנדידאט דארף מען אנפולן דעם גאנצן רינגל).
- ❖ באניצט אייך נאר מיט דעם ספעציעלן צוגעשטעלטן פעדער ביי די פריוואטע טישלעך.
- ❖ מאכט נישט קיין איבריגע צייכנס.
- ❖ קיין אפמעקונגען וועלן נישט אנגענומען ווערן אויף קיין שום בעלאט.
- ❖ באניצט זיך נישט מיט קיין "X" אדער " ✔ " צו באצייכענען די קאנדידאטן אויף אייער בעלאט. (נאר גענצליך אנפולן דעם רינגל).

### 3. נאכ'ן אנצייכענען אייער בעלאט

- ❖ באקוקט אייער פאפיר בעלאט רואיגערהייט, (עס זענען דא גענוג טישלעך, קיינער ווארט נישט אויף אייער טישל) און מאכט זיכער אז איר האט געשטימט פאר די ריכטיגע קאנדידאטן וואס איר האט געוואלט.
- ❖ מאכט זיכער אז איר האט נישט בטעות געשטימט פאר מערערע קאנדידאטן ווי א פארמעסט ערלויבט. אויב איר האט דאס יא געטאן, וועט דער בעלאט אפגעווארפן ווערן צוליב וואוטע דאפעלט.
- ❖ דעקט איבער אייער פאפיר בעלאט מיט דעם ספעציעלן איבערדעקער נאכדעם וואס איר האט באקוקט דעם בעלאט.
- ❖ דערנאך גייט ווייטער צום סקענער אפצוגעבן אייער שטימע.

### 4. ביים אריינסקענען אייער בעלאט

- ❖ ברענגט צו אייער בעלאט איבערגעדעקטערהייט צום סקענער מאשין.
- ❖ שטופט אריין דעם בעלאט מיט די האנט אין די מאשין צו סקענען.
- ❖ נאכדעם וואס די מאשין האט געליינט אייער בעלאט, דארפט איר זען א מעסעדזש אויפן סקרין וואס זאגט: ("Ballot Successfully Cast") ד.ה. אז די שטימע איז סוקסעספול אפגעגעבן.

**אויב דער מאשין נעמט נישט אריין אייער שטים בעלאט, מיינט דאס אז איר האט נאך נישט אפגעגעבן אייער שטימע, איר קענט אייך ווענדן צום אינפארמאציע טישל, אדער צום טיש וואו איר האט באקומען דעם שטים בעלאט און מען וועט אייך ארויסהעלפן.**

**פאר אייער באקוועמליכקייט קענט איר מיטנעמען אין טאש דעם "אנ"ש סעמפעל בעלאט" און איר קענט דאס ארויסנעמען בעת איר פולט אויס אייער שטים בעלאט צו פארזיכערן אז איר שטימט פאר די אנ"ש קאנדידאטן**

**אונזערע עסקנים וועלן זיך געפונען אויפ'ן פלאץ ארויסצוהעלפן מיט אלע אנגעלעגנהייטן**

מיט דאנק **די וואל קאמיטע שע"י אנשי שלומינו דקרית יואל**



מען שרייבט אונטער אין דעם שטים בוך



מען באקומט א שטים בעלאט צעטל



מען גייט צו די פריוואטע טישלעך אויסצופילן דעם בעלאט




מען פולט אויס ביי די אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן




מען סקענט אריין דעם צעטל אין מאשין

# א בליק אין קרית יואל

**דער נייער פארקינג לאט פאר 30 קארס וואס איז אויפגעבויעט געווארן אויף מרדכי שעהר בלוד נעבן דעם שאפינג סענטער**





**ביים פארענדיגן די בוי ארבעט אום חודש אלול העעל"ט**



**דער פארקינג לאט כלול בהדרו**



**היי יאר האבן די מוסדות הק' צוגעשטעלט די כפרות אויף דעם נייעם פארקינג לאט**





**דער נייער עלעוועיטאר וואס איז אינסטאלירט געווארן ביים שאפינג סענטער**

# אנווייזונגען פאר די וויכטיגע וואלן

## וואס וועלן אי"ה פארקומען דעם דינסטאג אין די זאלן פון "קרן ויואל משה"

### קומען פרי

**ביטע ארויסגיין שטימען אין די ערשטע מעגליכקייט, מיטן קומען אין די פריע פארמיטאג שעה'ן, האט איר א חלק אין די הצלחה פון די וואלן בעז"ה.**

### דער וואל סיסטעם

אזוי ווי ביי די פארגאנגענע וואלן וועט מען וואוטן אויף דעם נייעם וואל סיסטעם, אז מען גיט אפ דעם שטימע אויפ'ן פאפיר און דאס ווערט דערנאך ארייגעסקענט אין קאמפיוטער, פאר סיי וועלכע פראגע פאלגט נאך די אנווייזונגען פון די פאול אינספעקטארס אויפ'ן פלאץ.

### בעיביסיטינג

עס וועט זיין אויפ'ן פלאץ א בעביסיטינג סערוויס אין בעיסמענט פון קרן ויואל משה פון 8:30 צופרי ביז 9:00 ביינאכט, וואו איר וועט קענען איבערלאזן די קינדער ווי לאנג איר גיט אפ אייער שטימע

### צניעות

היי יאר איז ווידעראמאל דורכגעפירט געווארן פארשידענע תיקונים בענייני צניעות, און מען בעט דעם חשוב'ן ציבור אויסצופאלגן די אנווייזונגען.

די מענער אריינגאנג צום זאל איז אויף די רעכטע זייט פון דעם קרן ויואל משה בילדינג, און די פרויען אריינגאנג איז אויף די לינקע זייט פונעם בנין.

עס וועט זיין צוגעשטעלט באזונדערע טישלעך פאר מענער און פאר פרויען אויסצופולן די שטים בעלאטס, פאר מענער אויף די רעכטע זייט פונעם זאל און פאר פרויען אויף די לינקע זייט פונעם זאל.

אויך וועט זיין צוגעשטעלט אויף יעדע שטאק צוויי באזונדערע סקענער מאשינען, איינס פאר מענער און איינס פאר פרויען, פאר די מענער אויף די מענער זייט פונעם זאל, און פאר די פרויען אויף די פרויען זייט פונעם זאל.

### טויש אין אדרעס

אויב האט איר לעצטנס געמופט און איר זענט נאך רעגיסטרירט אויף דעם אלטן אדרעס, דארפט איר איבערגעבן דעם טויש אין אדרעס ביים טישל וואו מען שרייבט אונטער דעם נאמען, און דערנאך קענט איר געהעריג אפגעבן אייער שטימע.

### ID פאר די וואס שטימען צום ערשטן מאל

לויט ווי דער גזעצע לויטעט, פארלאנגט די באורד אוו עלעקשאנס אז יעדער וואס וואוט די ערשטע מאל, דארף מיטברענגען א ID. אזוי אויך קענען זיי צומאל פארלאנגען אן "איי די" פון די וואס האבן א נייעם אדרעס וכדו'. דעריבער אויב איינער פון אייער פאמיליע שטימט צום ערשטן מאל, דארף ער מיטברענגען א ID צו וואוטן. עס איז וויכטיג צו וויסן אז דאס קען זיין סיי וועלכע איידי, צ.ב.ש. מעדיקעיד קארטל, סאשל סעקיוריטי, פאספארט, אינשורענס, (עס מוז נישט זיין קיין פיקטשער איידי).

### אנ"ש סעמפל בעלאטס

עס וועט זיין צו באקומען די אנ"ש סעמפל בעלאטס אין אלע אונזערע בתי מדרשים, ווי אויך וועט דאס פארטיילט ווערן פארנט פונעם שטים פלאץ. אזוי אויך קענט איר דאס בעטן ביי די קאר סערוויסעס וואס וועלן אייך פירן צו די וואלן.

עס איז ערלויבט מיטצוברענגען ביים וואוטן דעם אנ"ש סעמפל בעלאט פון די אנ"ש-אינדארסירטע קאנדידאטן (ביטע דאס ארויסנעמען נאר ביים טישל און אויספולן דעם בעלאט לויט די אנווייזונגען).

מאכט זיכער אז אויף אייער סעמפל בעלאט איז באצייכנט דאס ווארט **"אנ"ש"**.

### קידוש ה'

עס וועלן אנוועזנד זיין די פאליציי באאמטע, ווי געווענליך, און מ'בעט דעם חשוב'ן ציבור זיך צו האלטן צו די פאראדענונגען און קאאפערירן, כדי ס'זאל ארויסקומען א כבוד שמים.

מיט דאנק **די וואל קאמיטע שע"י אנ"ש**

# מאפע פון דעם "קרן וויואל משה" זאל אין טאג פון די וואלן

דער זאל אין איינגעטיילט געווארן אין צוויי חלקים באזונדער פאר מענער און פאר פרויען

**ביטע נעמען צו קענטענים אז צוליב לעגאלע סיבות וועט נישט זיין קיין אנווייזונג טאוולעך אין זאל**




**מיר האפן אז די חשוב'ע איינוואוינער וועלן זיך האלטן צו די פאראָרדענונגען ויה"ר שיתקדש שם שמים על ידינו!**

מיט דאנק פאראויס,

**די וואל קאמיטע שע"י אנ"ש דקרית יואל**

# א יאר צום געדענקען...

# ת'פארת ע'ירנו א'נשי ש'לומינו

(פארזעצונג פון זייט 15)

דעם טאג זעט מען ווי דער פארקינג לאט איז אנגעפולט מיט קארס, דער פארקינג לאט פון 125 קארס איז שוין באלד קליין און מען וועט גאר אינגיכן זיך דארפן נעמען צום צווייטן פאזע צו פארדאפלען דעם פארקינג לאט פון 125 קארס צו 250 קארס.

ווער רעדט נאך ווען מען קומט אהיים פון די ארבעט און דער עולם יאגט זיך אהיים, ווערט א האלבער באס אויסגעליידיגט ביים פארק און רייד וואו דער עולם נעמט די קארס אהיימצופארן. אויך ווער עס פארמאגט נישט קיין אייגענע קאר אבער דער באס פארט נישט דורך אין זיין גאס, אזא איינער באשטעלט שוין ביים פאליס סטעישאן ראוד דעם קאר סערוויס וואס ווארט אים אפ ביים פארק און רייד און פירט אים גלייך צו זיין דעסטינאציע.

דער גאנצער פארקער ביים פארק און רייד שטערט נישט דעם טרעפיק, ווייל מען האט צוגעשטעלט ספעציעלע "באס לעינס" אויף ביידע זייטן פון בעיקערטאון רד. וואו די באסעס שטעלן זיך אפ אויפצונעמען און אראפצולייגן די פאסאנדזשירן, און דארפן נישט שטערן דעם טראפיק פארקער.

אויב מאכט זיך אז מען דארף אמאל ווארטן אויפ'ן באס, איז אויך נישט קיין פראבלעם, ווייל עס איז צוגעשטעלט געווארן די ספעציעלע פארמאכטע "באס שעלטערס" וואס זענען אויסגעשטאט מיט הייצונג אז די פאסאנדזשירן וואס שטייען און ווארטן אויפ'ן באס זאלן זיך קענען שיצן פון די שטארקע פראסטן אין די ווינטער חדשים.

*

## וויכטיגע סעקיוריטי קאמערעס אינסטאלירט ארום די שטאט

אין לויף פון דעם פארלאפענעם יאר זענען אינסטאלירט געווארן די וויכטיגע זיכערהייט קאמערעס ארום די שטאט.

די וויכטיגקייט פון די קאמערעס איז איבריג צו זאגן פאר תושבי קרית יואל, נאכדעם וואס בעבר האט מען זיך אסאך אנגעליטן פון פארברעכערישע קארס וואס זענען אריינגעקומען אין די שטאט סיי אום שבת ויו"ט און סיי אינדערוואכן, און רוב מאל איז געלונגען פאר די פארברעכער צו אנטלויפן און איבערלאזן שפורן נאך זיך.

טראצדעם וואס געלויבט השי"ת הערט מען גאר ווייניג ערנסטע אינצידענטן אין די לעצטערע יארן, איז אבער יעדע איינציגע אינצידענט פאר זיך גאר אסאך, און דאס האט אויפגעפאדערט פון דעם ווילידזש צו נעמען שריט באצייטנס צו קענען אפשטעלן די אלע פארברעכנס, דורך אינסטאלירן די סאפיסטיקירטע זיכערהייט קאמערעס וואס זאל אפכאפן די קארס וועלכע קומען אריין אין די שטאט, וואס דאס וועט בעז"ה שיקן דעם ריכטיגן מעסעדזש אפצושרעקן די שעדליכע פארברעכער.

אין לויף פון די ארבעט האט מען אינסטאלירט די ספעציעלע הויכע זוילן אויף מערערע פלעצער אין די שטאט אויף וועלכן מען האט דערנאך אריינגעצויגן די עלעקטעריציטעט און אינסטאלירט די מאשינדלעך. די ארבעט איז דורכגעפירט געווארן דורך געניטע אינדזשענירן וועלכע האבן אויסגעוועלט סאפיסטיקירטע קאמערעס וועלכע וועלן קענען אויפכאפן מיט א קלארקייט דאס גענויע אויסזען פון די קארס וואס קומען אריין אין די שטאט, און האבן פארזיכערט אז די קאמערעס קענען באנוצט ווערן בייטאג און ביינאכט, סיי פאר זומער און סיי פאר ווינטער, אז די מעכאנישע חלקים זאלן נישט פארפרוירן ווערן אדער געשעדיגט ווערן פון נאסקייט אד"ג.

דערווייל איז נאר דורכגעפירט געווארן די ערשטע פאזע פון דעם פראיעקט, אונטער וועלכן די קאמערעס טוען אויפכאפן און רעקארדירן אלע אקטיוויטעטן, אבער בקרוב האפט מען צו קענען שאפן פרישע פאנדן וואס וועלן ערמעגליכן גאר טייערע טעכנאלאגיע וואס זאל אליינס אויסליינען לייסענס פלעיטס פון די דורכפארענדע קארס.



## נייע פייערלעשער טראק פאר חברה מצילי אש

פארגאנגענעם ענדע ווינטער האט קרית יואל באקומען א געשאנק פון די פעדעראלע "פימא" אגענטור, די סומע פון $275,000 פאר א נייעם פייער טראק פאר חברה מצילי אש. דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס מצילי אש האט באקומען א גענצליך נייע טראק, ווייל ביז היינט האט מען נאר גענוצט צווייט-האנטיגע פייער טראקס, צוליב די געוואלדיגע הוצאות וואס עס קאסט א שפאגל-נייעם פייער טראק.

דער געברויך פאר א נייעם טראק האט זיך געשאפן נאכדעם וואס איינע פון די אלטע טראקס זענען שוין אלט און אומנוצבאר, און עס האט זיך שוין נישט געלוינט צו פארריכטן צוליב די הויכע קאסטן דערפון. דעריבער האט די ווילידזש אפלייעט פאר א נייעם טראק וואס זאל קענען שטיין צום דינסט פון תושבי קרית יואל על כל צרה שלא תבא ח"ו.

די טראק איז ספעציעל געבויעט געווארן לויט די פארלאנג און לויט די געברויכן פון קרית יואל, דורך די אי-וואן פירמע, און דערנאך איז דאס אריבערגעפירט געווארן צו א צווייטע פירמע וואס האט אויסשטאפירט דעם טראק מיט'ן אינסטאלירן די לעמפלעך און די אלארמען, און די אלע אויסערליכע כלים און איינריכטונגען, אריינגערעכנט די האלטערס פאר די פייפס און די לייטערס. דער שפאגל נייער טראק איז אריינגעקומען אין דינסט אין קרית יואל, און איז שוין עטליכע חדשים אין באנוץ צו ראטעווען אידישע נפשות און פארמעגנס.

*

אויסער דעם נייעם פייער טראק זעלבסט, האט מען באזונדער אויסגעגעבן געלט צו איינקויפן נייע טייערע געצייג פאר דעם נייעם פייער טראָק.

צווישן די אלע צוגעהערן האט מען אויך איינגעקויפט צוויי נייע מעכטיגע "פענס" וואס יעדע איינע קאסט אפ די סומע פון 3,200$ וואס דאס ארבעט מיט גאר א שטארקע קראפט ארויסצונעמען די אנגעזאמעלטע רויך פון די הייזער. באזונדער איז איינגעקויפט געווארן נייע פראדזשעקטאָרס וואס וועלן אינסטאלירט ווערן אויפ'ן טראָק צו באלייכטן אין די פינסטערניש פון דער נאכט.

אזוי אויך האט מען במשך דעם יאר אויסשטאפירט א צאל פרישע פייער וואלונטירן פעאיגע יונגעלייט וועלכע זענען היי-יאר דורכגעגאנגען די נויטיגע טרענירונג צו קענען דינען אלס פייער וואַלונטירן על כל צרה שלא תבוא.



## בוי ארבייט ביים "קרית יואל קינדער פאַרק"

אין לויף פון דעם פארלאפענעם יאר איז דער ווילידזש אריינגעשפרינגען אין דעם פראיעקט אויפצושטעלן א קינדער פאַרק, וואס וועט זיין צוגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן על טהרת הקודש, ספעציעל פאר די איינוואוינער פון קרית יואל. דער פארק ווערט אויפגעשטעלט אויף די ריזיגע שטחים וואס דער ווילידזש פארמאגט מחוץ לעיר אויף לארקין ראוד. (לייענט באזונדערע נייעס אין היינטיגן נומער)



## "מייקרא ענטערפרייז גרענטס" פאר ביזנעסער אין קרית יואל

צווישן די אקטיוויטעטן וואס ווערן שטארק באגריסט זענען די "מייקרא ענטערפרייז גרענטס" וואס זענען אויסגעטיילט געווארן פאר א צאל קלענערע ביזנעסער אין קרית יואל, אין די ווערד פון $200,000 אין א גרענט וואס דער ווילידזש האט באוויזן צו שאפן פון די רעגירונג.

מיט ארום צוויי יאר צוריק האט די ווילידזש זיך אריינגעלייגט צו שאפן רעגירונגס געלטער צו קענען ארויסהעלפן די קלענערע ביזנעסער וואס נויטיגן זיך אין געלט צו קענען אינוועסטירן אין זייער ביזנעס, צו קענען אויפבויען א צוקונפט פאר זייער ביזנעס צו קענען ווייטער וואקסן און מצליח זיין, בפרט נאך די שווערע עקאנאמישע צייטן וואס האט ליידער באטראפן אלע ביזנעסער, וואס אזעלכע גרענטס איז געווען בעז"ה א געוואלדיגע הילף און א שטארקער שטופ אויף פאראויס פאר די לאקאלע עקאנאמיע אין קרית יואל.

איידער די סטעיט האט באשטעטיגט דעם פראגראם האבן זיי פארלאנגט אז מען זאל זיי אריינשיקן אפליקאציעס פון איינוואוינער צו קענען האבן א אפשאצונג אויף די געברויכן פון די איינוואוינער, און ערשט דערנאך וועלן זיי באשליסן צי קרית יואל ווערט באשטעטיגט צו באקומען די גרענטס. אריבער 20 ביזנעס אייגענטומער האבן זיך דאן אנגעשלאסן אין דעם פראגראם און האבן אויסגעפולט דעם

(פארזעצונג אויף זייט 25)

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


**- טעם זקנים פראגראם -**

# פרייליכע מעלדונג

## פאר די הויכגעשעצטע עלטערע איינוואוינער אין קרית יואל שיחי׳ עמו״ש

**דערמיט ווילן מיר מעלדן אז אונזער**

# "טעם זקנים" פראגראם

**שטייט גרייט אייך צו באדינען**

## אין די פראכטפולע זאלן פון
## "אשת חיל דקרית יואל–אהל חנה רחל"

7 Chevron Rd.

**וואו עס ווערט ווייטער צוגעשטעלט געשמאקעווארימע מיטאג מאלצייטן יעדן טאג, באגלייט מיט שיעורים, איבונגען און באשעפטיגונגען פאר די עלטערע איינוואוינער**

**– טראנספארטאציע ווערט צוגעשטעלט אהין און צוריק –**

**אכטונג!**

**כדי מיר זאלן ווייטער קענען ממשיך זיין מיט דעם וויכטיגן סערוויס, איז וויכטיג אז די איינוואוינער פון 62 יאר און העכער וואס זענען שוין בארעכטיגט צו געניסן פון די פראגראמען, זאלן אויך קומען אנטייל נעמען אין דעם פראגראם און צוגעבען/געניסן פון די געשמאקע אטמאספערע, וואס דאס וועט גלייכצייטיג זיין א טובה פאר די עלטערע איינוואוינער וואס זענען אנגעוויזן דערויף**

פאר רעגיסטראציע אדער מער אינפארמאציע קענט איר זיך פארבינדן אויף:

845-492-3245

מיט דאנק

**דער ווילידזש**

# א יאר צום געדענקען...

# ת'פארת ע'ירנו א'נשי ש'לומינו

(פארזעצונג פון זייט 23)

"פרי-אפליקאציע פארם" און דאס איז אריינגעשיקט געווארן פאר די סטעיט, און דערנאך איז קרית יואל באשטעטיגט געווארן צו באקומען די גרענטס.

די ווילידזש האט במשך די צייט באגלייט די אפליקאנטן מיט די שווערע ביוראקראטישע פראצעדורן צו קענען באקומען דעם גרענט, ביז מען האט ב"ה זוכה געווען לברך על המוגמר אויסצוטיילן די גאנצע סומע פון 200,000$ וואס די ווילידזש האט ערהאלטן פון די סטעיט, פאר 10 ביזנעסער אין קרית יואל וועלכע זענען געווען קוואליפיצירט דערפאר.

נאך די געוואלדיגע הצלחה פון די ערשטע גרופע אפליקאנטן, האפט די ווילידזש צו קענען אפלייען פאר פרישע געלטער וואס וועט בעז"ה קענען זיין א געוואלדיגע הילף פאר די עקאנאמיע אין קרית יואל.

*

## פארברייטערט די רימנוב און סטראפקוב גאסן

פארגאנגענעם זומער האט די ווילידזש איבערגעמאכט א באדייטענדע צאל פון די עלטערע גאסן אין די שטאט, צווישן זיי האט זיך געציילט די רימנוב און סטראפקוב גאסן.

דער ווילידזש האט אין די פארגאנגענע יארן איבערגעמאכט רוב גאסן אין קרית יואל, און דאס איז דורכגעפירט געווארן אין באזונדערע פראיעקטן דורך שאפן באזונדערע גרענטס פון די פעדעראלע און סטעיט רעגירונגען, וואס דערפאר זענען די סיידוואק פראיעקטן איינגעטיילט געווארן אין מערערע פאזעס.

די ארבעט אויף די רימנוב און סטראפקוב גאסן האט זיך שוין אנגעהויבן א וואך נאך פורים העעל"ט, צו פארצייכענען יעדע פלאץ אין דעם קאנסטראקשן זאנע פאר'ן פונקטליכקייט פון די ארבעט, און נאך פסח האט זיך אנגעהויבן די פאקטישע ארבעט צו גראבן און גיסן די צעמענט.

ס'איז איבעריג צו ערקלערן דאס וויכטיגקייט פון דעם פראיעקט, איבערהויפט אויף די רימנוב גאס וואו עס האט שוין ליידער פאסירט עטליכע עקסידענטן פארנט פון די תלמוד תורה געביידע, נאכדעם וואס דער ראוד איז נישט געווען אויסגעשטעלט צו קענען אקאמאדירן אזא גרויסער צאל באסעס, וועלכע פירן און ברענגען די פילצאליגע תינוקות של בית רבן, כ"י.

אין דעם פראיעקט איז דער רימנוב ראוד, וועלכע איז געווען ברייט בס"ה 30 פיס, פארוואנדלט געווארן אין א ברייטער ראוד פון 40 פיס, וועלכע קומט שטארק צוניץ בכל עת מצוא, און אין צוגאב איז צוגעשטעלט געווארן א נייער סיידוואלק אין די ברייט פון 6 פיס, אין אויסטויש צום אלטן סיידוואלק וועלכע איז שוין געווען אלט און נאכגעלאזט.

אין די זעלבע צייט איז די דערנעבנדיגע סטראפקוב גאס אויך אויסגעברייטערט געווארן מיט נאנט צו 3 פיס; א נייער סיידוואלק איז הערליך אהערגעשטעלט געווארן; און א ספעציעלע ארבעט איז אונטערגענומען געווארן גענצליך צו רענאווירן די "דרעינעדזש און אפלויף קאנאלן" צו פארזיכערן אז עס איז נישט גורם קיין פארפלייצונגען בשעת שטארקע רעגנס, וועלכע האט שוין פארפלייצט מערערע בעיסמענטס אינעם עבר, און האט פאראורזאכט אסאך עגמת נפש פאר די ארטיגע איינוואוינער שיחיו.



## איבערגעבויעט די אוהעל גאס

נאכ'ן איבערמאכן די רימנוב און סטראפקוב גאסן האט די רענאוואציע ארבעט פארגעזעצט אויף אוהעל קאורט, וואו די גאס איז געווארן אויסגעברייטערט, און די סיידוואלקס זענען אויך געווארן פריש געגאסן און אויסגעברייטערט.

א ספעציעלער אונטערנעמונג האט זיך אויסגעפעלט אויף די אוהעל גאס, אין צוגאב וואס מען האט פריש איבערגעמאכט די צוויי אלטע "דרעינידזש-קאנאלן" זענען צוויי שפאגל-נייע דרעינידזש-קאנאלן אינסטאלירט געווארן, וואס דאס וועט האפנטליך ברענגען אן ענדע צום לאנגיעריגן פראבלעם וואס פלאגט עטליכע הייזער פון די גאס אין די ווינטער חדשים, ווען עס זאמלט זיך אן א גרויסער מאס וואסער, וואס ווערט דערנאך פארוואנדלט אין א גרויסן שטיק אייז, און עס פאראורזאכט א שטארקע סכנה פאר פארבייגייער און דרייווערס.

די ארבעט איז אדורכגעפירט געווארן מיט גרויס געניטשאפט, שנעל, פלינק, און פראפעסיאנאל, ווי עס וועלן עדות זאגן די ארטיגע צופרידענע איינוואוינער שיחיו, וועלכע האבן מיטגעהאלטן די גאנצע בוי-ארבעט פונדערנאנט טאג נאך טאג.

*

## איבערגעמאכט די טעילאר און פילמאר גאסן

א העפטיגע רענאוואציע ארבעט איז דורכגעפירט געווארן אויף פילמאר קאורט, וואו עס איז אונטערגענומען געווארן א ספעציעלער פראיעקט צו פאררעכטן פארשידענע אלטע פראבלעמען; פארברייטערן די גאס; אויספלאסטערן און גיסן פרישע סיידוואלקס; א.א.וו.

איידער די ארבעט האט זיך אנגעהויבן זענען אראפגעקומען אויפ'ן ארט א גרופע פון עקספערטן און אינדזשעניערן, וועלכע האבן שטודירט און אבזערווירט דעם פראבלעם וואס פלעגט זיך שאפן אויף געוויסע טיילן פון די גאס, ווען עס רינט אראפ רעגן-וואסער פון די הייזער וועלכע געפינען זיך היפש העכער'ן ראוד, און עס זאמלט זיך אן אסאך וואסער אויפ'ן ראוד.

כדי צו פאררעכטן דעם פראבלעם, האט מען אינסטאלירט ספעציעלע "דרעינידזש פייפס" פארנט פונעם סיידוואלק (ביים זייט פון די הייזער), און דורכדעם טוט די וואסער אריינרינען אין די רערן, און עס רינט נישט אראפ אויף די סיידוואלקס און ראודס.

אזוי ווי די אנדערע גאסן איז דער ראוד אויסגעברייטערט ווערן מיט 4 פיס - 2 פיס פער זייט, וואס דאס וועט פיל בייהעלפיג זיין צו קענען אקאמאדירן די פילצאליגע פרישע דירות און דעוועלאפמענטס וועלכע ווערן צוגעבויעט אויף די פילמאר גאס, און עס קומט כסדר אריין נאך, וואס טוט נאטורליך צוברענגען פילע פרישע קארס און פיסגייער אין די געגנט.

*

## אויפגעבויעט נייעם 30-קאר פארקינג לאט צווישן קרן ויואל משה און שאפינג צענטער

איינע פון די פלענער וועלכע האבן ליבערשט אויסגעקוקט ווי א חלום און זענען אין די ענדע געווארן א פאקט, איז זיכער דער נייער פארקינג לאט אויף די מרדכי שעהר גאס נעבן דעם שאפינג צענטער.

דער פראיעקט האט צוגעברענגט 30 פרישע פארקינג-ערטער אויף די פארנומענע מרדכי שעהר גאס. און דאס שטייט שוין אין באנוץ פאר די פילצאליגע קאסטומער פון די געשעפטן אינעם שאפינג סענטער, ווי אויך פאר באטייליגטע ביי פארשידענע מאורעות און שמחות אינעם בארימטן "קרן ויואל משה" זאל, און ביי גרעסערע כינוסים אין ביהמ"ד הגדול, ווען דער ציבור זוכט פארקינג ארום די גאנצע געגנט.

כדי דאס אהערצושטעלן האט מען צום ערשט געמוזט אויפבויען א דויערהאפטיגער "ריטעיניג-וואנט", אהערגעשטעלט מיט ספעציעלע "וואסער רערן" אז די וואנט זאל בעז"ה נישט ווערן אפגעשוואכט במשך השנים דורכ'ן וואסער-פלוס וואס זאמלט זיך אן, און דערנאך קען עס פירן און קאליע מאכן דעם גאנצן יסוד, נאר עס זאל תיכף ארויסרינען אינדערויסן.

נאכ'ן אויפבויען דעם וואנט האט מען געגאסן די פעיוומענט און אריינגעברענגט דעם פארקינג לאט אין באנוץ צום צופרידנהייט פון די איינוואוינער.



## אינדזשענירונג, און פאבליק הירינג צו פארברייטערן די צענטראלע גאסן

דער ווילידזש האט אין דעם לעצטן יאר אריינגעלייגט אסאך מיה און אויפגענומען גרויסע טרעפיק קאנסאולטענטס און אינדזשעניערן אויסצוארבעטן פלענער וויאזוי צו פארברייטערן די צענטראלע גאסן און וואו עס פעלט זיך אויס צוצולייגן באזונדערע טוירן-לעינס פאר די קארס און וואו מען זאל אינסטאלירן טרעפיק לייטס, אא"וו.

אין די זעלבע צייט האט דער ווילידזש געארבעט אומערמידליך צו פארשאפן רעגירונגס פאנדס, כדי צו קענען דעקן די קאסטן פון די פראיעקטן אז עס זאל נישט פאלן צו לאסט אויף די שטייערצאלער, און מיט סייעתא דשמיא האט די ווילידזש ערהאלטן א באשטעטיגונג פון די רעגירונג אויף ארום ניין מיליאן דאלער אין גרענטס צו וואס דער ווילידזש דארף אליין צולייגן - פון 5% ביז 20% פון די קאסטן - ארום א מיליאן דאלאר וואס וועט בעז"ה געשאפן ווערן אין באנדס צו פינאנצירן דעם היסטארישן פראיעקט.

אין דעם פראיעקט וועלן איבערגעמאכט ווערן די גאסן פון בעיקערטאון, מאונטען, עיקערס, פארעסט, און קאונטי רוט 44. די אלע גאסן וועלן פארברייטערט ווערן ביז 40 פיס ברייט, צו פארגרינגערן דעם טראפיק אריין און ארויס פון שטאט. ווי אויך וועט אינסטאלירט ווערן ברייטע באקוועמע סיידוואקס אויף ביידע זייטן, וואס וועט פיל פארגרינגערן פאר די פיסגייער.

אין ליכט פון דעם היסטארישן אונטערנעמונג וואס וועט אפעקטירן דעם גאנצן טרעפיק פון קרית יואל אין די קומענדיגע יארן, איז פארגאנגענעם מאנטאג פ' חוקת אפגעהאלטן געווארן א היסטארישער קאנפערענץ אין זאל פון קרן ויואל משה, פארצושטעלן די גענויע פלענער פאר תושבי העיר, און אויסשמועסן און הערן די מיינונגען, פארשלאגן און קאמענטארן פונעם ציבור, בנוגע דעם פראיעקט.

ביים היסטארישן קאנפערענץ האבן אויפגעטרעטן די אינדזשעניר פון די בארימטע אינטערנאציאנאלע "סטענטעק" אינדזשענירונג פירמע, וועלכע באפאסן זיך מיט דעזיינען די אינדזשענירונג פלענער

(פארזעצונג אויף זייט 26)

# א יאר צום געדענקען...

# ת'פארת ע'ירנו א'נשי ש'לומינו

(פארזעצונג פון זייט 25)

פאר'ן גאנצן פראיעקט, און זיי האבן פרעזענטירט די פונקטליכע פלענער מיט אלע דעטאלירטע אינפארמאציע.

דערנאך האט דער ציבור אויסגענוצט די געלעגנהייט צו לאזן הערן זייערע מיינונגען - פון אייגענער ערפארונג - וויאזוי צו פארבעסערן און פארשענערן דעם פראיעקט צו יעדנ'ס ווונטש און צופרידנהייט.

בנוסף לזה וואס אלע געדאנקען און פארשלאגן פונעם ציבור זענען פארצייכנט געווארן דורך די אינדזשעניערן; זענען פארטיילט געווארן ספעציעלע בויגנס אויפצוצייכענען שריפטליך סיי וועלכע מיינונג אדער פארשלאג וואס קען זיין בייהילפיג פאר'ן פראיעקט. די אלע געדאנקען וועלן גענומען ווערן אין באטראכט - סיי פון די דרייווערס און סיי פון די פיסגייער - בנוגע די ראודס, סיידוואקס, טוירן לעינס, טרעפיק סיגנאלן, סטאפ סיינס, אא"וו, כדי צו פארזיכערן אז דער פראיעקט ווערט געקרוינט מיט סוקסעס בעז"ה.



# געענדיגט קאסטבארער און פארצויגענער געריכט קאמף צו ערמעגליכן דעם געבוי פונעם וואסער פייפליין

צווישן די היסטארישע דערגרייכונגען אויפ'ן לעגאלן פראנט, האט קרית יואל מיט גרויס סייעתא דשמיא ענדגילטיג געענדיגט דעם לאנג פארצויגענעם קאמף פאר'ן קריטיש וויכטיגן וואסער פייפליין פראיעקט, ווען דער געריכט האט אין די פארגאנגענע חדשים ארויפגעלייגט דעם לעצטן שלאס אויף דעם סכסוך, וואס טוט ענדגילטיג פארמאכן דעם לעגאלן פראנט קעגן דעם ענווייראנמענטאל אנאליז איבער דעם אויפבוי פונעם פייפליין.

אסאך טינט איז שוין פארגאסן געווארן איבער דעם פייפליין סכסוך וואס האט זיך געשאפן דורך די העצערייען פון די אנטי-וואוקס אקטיוויסטן בשכינות פון קרית יואל. דער סכסוך האט אפגעקאסט אסאך קאפ-ווייטיק און עגמת נפש פאר קרית יואל, וועלכע איז דורכגעגאנגען 7 יאר פון געריכטליכע פראצעדורן, ביז ווען אין די ענדע איז אלעס אויסגעגליכן געווארן אויף א פרידליכן אופן, ווען די קאונטי האט אליין געשליכטעט דעם סכסוך מיט קרית יואל, און האט צוריקגעצויגן פון די קלאגע קעגן דעם פייפליין, והכל על מקומו בא בשלום.

זענען אבער געוועזן געוויסע אקטיוויסטן אין וואודבארי וואס זענען געקומען מיט א טענה, אז די קאונטי האט זיך נישט דורכגערעדט מיט זיי ביים שלום מאכן מיט קרית יואל, און זיי ווילן ווייטער אנהאלטן די קלאגע קעגן דעם פייפליין. דער געריכט האט דאס דאן אפגעווארפן, דערקלערנדיג אז דער שליכטונג צווישן קרית יואל און די קאונטי איז געווען אויסגעהאלטן.

אבער הרשעים כים נגרש השקט לא יוכלו, און די "פן ירבה" וואודבארי אקטיוויסטן האבן באשלאסן זיך אנצוכאפן אין דעם לעצטן שטרוי פון דעם פארלוירענעם קאמף, און זיי האבן אריינגעגעבן א "נאטיס אוו אפיעל" צו קענען אפעלירן דעם אורטייל פונעם געריכט אין פאל זיי וועלן באשליסן אז זיי ווילן אפעלירן.

אין ליכט פון דעם האט קרית יואל געפיילט א מאושען צום געריכט ארויסצוווארפן די נאטיס אוו אפיעל פון וואודבארי, און אויף דעם ארויף האט יעצט דער געריכט קלארגעשטעלט לטובת קרית יואל אז עס איז נישט שייך צו אפעלירן דעם געריכט אורטייל, און דער קעיס בלייבט געשלאסן.

תושבי קרית יואל האבן אפגעגעבן א שבח והודי' צום אויבערשטן אויף די געוואלדיגע חסדים וואס האבן באגלייט די הנהלת הקרי' ביז אהער, און זענען ווייטער ממשיך צו מתפלל זיין אז זכותם הגדול פון רבותינו הקדושים זי"ע זאל ווייטער שטיין צו די רעכטע האנט פון "הנהלת קרית יואל" צו קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה עד ביאת הגואל במהרה.

*

# מולטי-מיליאן דאלארדיגע איינריכטונגען פאר אייגענע סוער פלענט און פרי-טריעטמענט

אין לויף פון דעם פארגאנגענעם יאר האט די ווילידזש דורכגעפירט מאסיווע קאסטבארע רענאוואציעס צו פאררעכטן דעם "קרית יואל סוער פלענט", שטייענדיג א צירקע 12 יאר נאכדעם וואס דער פלענט איז אויפגעבויעט געווארן, און עס האט זיך שוין אויסגעפעלט דורכצופירן פארשידענע רענאוואציעס ווערנדיג אפגענוצט דורכאויס די יארן.

אין לויף פון די יארן איז דער פלענט - וועלכע ארבעט אומאויפהערליך פיר און צוואנציג שעה א טאג - היבש אפגענוצט געווארן, און ווי עס איז דער סדר ביי אזא ריזיגן אפאראט, דארף מען פון צייט צו צייט דורכפירן רענאוואציעס צוליב די פארשידענע פראבלעמען וואס מאכט זיך אין לויף פון די צייט.

צווישן די פראבלעמען וואס האט זיך געשאפן, איז געווען ביי איינע פון די דריי גרויסע סאפיסטיקירטע מאשינען אינדרויסן פונעם סוער פלענט געביידע, וואס טוט פארניכטן אלע באקטעריעס וואס זענען מעגליך פארבליבן אין די אפלויף וואסער נאכ'ן אויסרייניגן. עס זענען פאראן דריי אזעלכע מאשינען וואס טוען באזונדער דורכזיפן דאס וואסער און פארניכטן די באקטעריעס.

אזוי ווי איינס פון די דריי מאשינען זענען צעבראכן געווארן און איז ארויס פון באנוץ, האט דאס געברענגט אז די אנדערע צוויי מאשינען זענען געווארן מער איבערגעשטרענגט, און דאס האט געברענגט א קייט-רעאקציע פון פראבלעמען ביי די אנדערע מאשינען, וואס האט פארלאנגט א רענאוואציע.

די הנהלת הווילידזש האט זיך ארייגעלייגט צו שאפן א גרענט פון די סטעיט, צו קענען דעקן די הויכע קאסטן פון א מיליאן דאלער וואס עס קאסט אפ די רענאוואציעס אינעם סוער פלענט. נאך העפטיגע שתדלנות ביי די רעגירונג'ס אינסטאנצן, איז בעז"ה געלונגען צו באקומען א סטעיט גרענט פון $600,000, און די איבריגע האט די ווילידזש אליינס צוגעלייגט צו קענען דורכפירן די סוער רענאוואציעס.



# פרישן שטח אפגעקויפט אין קארנוואל פאר פייפליין פאמפ סטאנציע

אימיטן דעם פארגאנגענעם ווינטער האט קרית יואל בסייעתא דשמיא געשלאסן מקח אויף א פרישן שטח פון 10 אקער לאנד אין די מאונטענוויל געגנט אין קארנוואל, וואו עס וועט אי"ה אינסטאלירט ווערן א מאסיווער פאמפ סטאנציע וואס וועט געבן דעם נויטיגן שטופ צו ברענגען די וואסער פונעם ניו יארק סיטי עקוואדאקט ביז קרית יואל.

ווי באקאנט וועט דער מאסיווער וואסער פייפליין ליניע זיך ציען ארום 13 מייל לאנג פון קרית יואל ביז ניו ווינדסאר, וואו עס לויפט אדורך די סיטי'ס וואסער סיסטעם פון די קעטסקיל בערג, כדי די שטאט זאל סערווירט ווערן בעז"ה מיט'ן גאנצן וואסער געברויך אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן.

ווען די אינדזשעניערן האבן אפגעשאצט דעם גאנצן באדן, האבן זיי באשלאסן אז מען דארף אינסטאלירן א "פאמפ סטאנציע" ביים נידריגסטן ארט וואו דער פייפליין לויפט דורך, וואס דאס וועט אריינגעבן קראפט אז די וואסער זאל צוריק ארויפגיין מיט'ן זעלבן שטראם ביז קרית יואל.

דער נידריגסטער ארט פונעם פייפליין קומט אויס אין קארנוואל ממש אויף דעם 32 הייוועי, וועלכע קומט אויס כמעט דער מיטל פונקט צווישן קרית יואל און ניו ווינדסאר, זייענדיג 6 מייל פון ניו ווינדסאר און בערך 7 מייל פון קרית יואל. דער ווילידזש האט זיך טאקע פארבינדן מיט דעם אייגנטומער פון יענעם פראפערטי, און מיט גרויס סייעתא דשמיא איז יענער גרייט געווען צו פארקויפן דעם וויכטיגן פראפערטי אויף וועלכן עס וועט אי"ה אויפגעשטעלט ווערן א געביידע וואס וועט אנטהאלטן מאסיווע "פאמפ אפאראטן" וואס וועט אריבערפירן דאס וואסער פון דעם צענטער פון דעם פייפליין ביז קיין קרית יואל.

באזונדער האפט די ווילידזש צו קענען גראבן וואסער קוועלער אויף דעם שטח, וואס וועט קענען צוניץ קומען פאר "וואסער בעק-אפ" פאר'ן פייפליין, אויף די פארלאנג פון די סיטי וואס האט געפאדערט אז קרית יואל זאל פארמאגן אן ערזאץ אין פאל זיי וועלן דארפן צייטווייליג אפשליסן זייער וואסער.

עס ווערט געשאצט אז אויף דעם שטח קען מען געפונען א שפע פון וואסער, צוליב וואס אונטער דעם שטח לויפט דורך א וואסער קאנאל באקאנט אלס דער "וואודבארי קריעק", ווי אויך פארמאגט דער שטח אסאך "וועטלענד", וואס שטעלט פאר מיט זיך אסאך וואסער מעגליכקייטן.

*

**זעלבסטפארשטענדליך אז דער גרעסטער דאנק אויף די אלע פראיעקטן קומט זיך פאר די 3,265 שטים בארעכטיגטע איינוואוינער פון קרית יואל וואס זענען ארויסגעקומען שטימען פארגאנגענעם יאר ביי די "נאוועמבער וואלן" צו שטיצן דעם "קרית יואל בלאק וואוט" זייענדיג דערמיט מקיים דעם שלח לחמך על פני המים.**

**אין נאמען פון די אריבער 22,000 נפשות בליעה"ר וואס זענען נהנה יעדן טאג פון די קאסטבארע און פילצאליגע פראיעקטן, און די אלע טויזנטער נפשות וואס וועלן נאך נהנה זיין דערפון בעתיד אי"ה, טוען מיר זיך באדאנקען פאר די אלע וואס האבן געהאט א חלק דערין זייענדיג די ריכטיגע עוסקים בצרכי ציבור באמונה.**

# געשלאסן קאנטראקט מיט טאון אוו ניו ווינדסאר אויף פייפליין קאנעקשאן

אין א שטארקע פאזיטיווע אנטוויקלונג פאר'ן היסטארישן וואסער פייפליין פראיעקט, האט דער ווילידזש געשלאסן א קאנטראקט מיט די טאון אוו

(פארזעצונג אויף זייט 27)

# א יאר צום געדענקען...

# ת'פארת ע'ירנו א'נשי ש'לומינו

(פארזעצונג פון זייט 26)

ניו ווינדסאר, זיך צו קענען באהעפטן מיט די טאונ'ס וואסער סטאנציע וואס איז באהאפטן צום סיטי עקוואדאקט, און נישט דארפן בויערן א פרישן עפענונג אין דעם עקוואדאקט, וואס וועט איינשפארן אסאך געלט און שוועריגקייטן פאר קרית יואל.

לויט'ן ארגינעלן פלאן האט קרית יואל זיך געזאלט באהעפטן מיט'ן סיטי עקוואדאקט דורכ'ן עפענען א נייעם עפענונג ביי דעם עקוואדאקט. אזא ארבעט וואלט געווען גאר קאסטבאר און קאמפליצירט, צוליב וואס דאס פאדערט גאר שטארקע פארזיכערונגס מיטלען בשעת די בוי ארבעט, ווייל מען האנדלט דא פון אן ערנסטע וואסער אפאראט וואס שטעלט צו דאס לעבנסוויכטיגע וואסער געברויך פאר מיליאנען מענטשן אין די סיטי, און יעדע קלייניגקייט וואס עס קען זיך מאכן בשעת די ארבעט קען אפעקטירן מיליאנען מענטשן און ביזנעסער.

די טאון און ניו ווינדסאר האט אן אייגענעם קאנעקשאן וואו זיי זענען באהאפטן צום עקוואדאקט, וואס טוט סערווירן זייער וואסער געברויך. יענער עפענונג קען ארויסנעמען ביז 12 מיליאן גאלאן וואסער א טאג, אין די צייט וואס קרית יואל פארנוצט היינט צו טאגס בלויז ארום צוויי מיליאן גאלאן וואסער א טאג, אזוי ארום אז אויב חלילה משיח וועט נישט קומען פריער וועט עווענטועל זיין גענוג און נאך וואסער פאר א לאנגע צייט.

לויט דעם אונטערגעשריבענעם אפמאך וועט קרית יואל באצאלן אלע קאסטן פון די ארבעט פון דעם פייפליין קאנעקשאן, אז עס זאל גארנישט קאסטן פאר די טאון און ניו ווינדסאר, און עס וועט זיין זה נהנה וזה לא חסר.

*

## נייער "טעם זקנים באס" פאר עלטערע איינוואוינער

מיט עטליכע חדשים צוריק האט דער טעם זקנים סיניאר דיינינג פראגראם זיך איינגעהאנדלט א נייעם באס צו קענען פירן די עלטערע איינוואוינער צו די טעם זקנים פראגראמען.

די טעגליכע פראגראמען טוען אריינבלאזן א פרישן גייסט אין די עלטערע איינוואוינער וועלכע פארברענגען אינאיינעם אין א געשמאקע אטמאספערע. און דערצו ווערט צוגעשטעלט "טראנספארטאציע סערוויס", וועלכע ווערט באגלייט און קאארדינירט מטעם דעם ווילידזש דורך די חשובע מרת שאלאמאן שתחי', וועלכע טוט פארזיכערן אז יעדער זאל אנקומען צום פראגראם. מ'שמועסט אפ פון פאראויס; מ'ווארט אפ פארנט פון יעדנ'ס הויז; מ'מעלדט איין אויב ס'מאכט זיך א טויש אין צייט; אא"וו.

אבער היות דער פראגראם האט ביז א קורצע צייט צוריק נישט פארמאגט קיין אייגענעם באס, איז היפש שווער געווען צו קענען אקאמאדירן די געברויכן פון פילע עלטערע חשוב'ע פרויען, עס איז נישט געווען צוגעריכט און אויסגעשטאטעט צו קענען אנטפאנגען פילע עלטערע פרויען, און עס האט זיך אפטמאל געשאפן אומאנגענעמליכקייטן.

מיט'ן הייליגן ציל פאר די אויגן נאכצוקומען די געברויכן פון די חשוב'ע עלטערע נשים צדקניות מיט גרעסטן מאס כבוד און סענסיטיווקייט, מקיים צו זיין דעם "והדרת פני זקן" מיט אלע פירושים, האבן זיך די געטרייע ווילידזש באאמטע אריינגעווארפן אינעם פראיעקט, זיך ווענדענדיג צו פארשידענע באס-פירמעס און עקספערטן, ביז זיי האבן באוויזן אפירצוזוכן א נייער באס, וועלכע איז העכסט פאסיג און געאייגנט פאר דעם צוועק, עס איז אויסגעשטאט און צוגעריכט מיט די באקוועמסטע איינריכטונגען לטובת די אינטערעסן פון די חשוב'ע עלטערע נשים צדקניות שתחיו.



דער ווילידזש האט געשטעלט דעם אלעמען באקאנטער הרה"ח ר' יושע בלומענטאל הי"ו אלס דרייווער, וואס מיט זיין מסודר'דיגן מהלך און צוגאנג איז ער דער פאסיגסטער קאנדידאט אנצופירן מיט אזא אונטערנעמונג, פירנדיג די חשובע עלטערע פרויען שתחיו מיט א געלאסנקייט און רואיגקייט.

## שתדלנות און אינטערווענץ ביי די סטעיט באאמטע צו באשטעטיגן "טעפ" פראגראם פאר ישיבות

איינע פון די געוואלדיגע דורכברוכן פונעם יאר תשע"א איז געווען די באשטעטיגונג פון דעם "טואישאן אסיסטענס פראגראם", באקאנט אין קורצן אלס "טעפ", וואס וועט גאר שטארק ארויסהעלפן הונדערטער תלמידי הישיבות אין ניו יארק סטעיט פון היינט און ווייטער בעז"ה.

די גרויסע דערגרייכונג איז געקומען נאך יארן לאנג וואס מען האט גע'שתדל'ט ביי פארשידענע אדמיניסטראציעס און ס'איז אלעמאל דורכגעפאלן, אבער מען האט נישט אויפגעגעבן, און ב"ה נאך יארן שתדלנות איז דאס בעז"ה דורכגעפירט געווארן.

די לאנג יעריגע שתדלנות איז אריינגעלייגט געווארן דורך פארשידענע עסקנים און ארגאניזאציעס, באזונדער האבן גאר שטארק גע'שתדל'ט פאר דעם פראגראם, די חשוב'ע חברי הנהלת ישיבה גדולה ד'סאטמאר, וועלכע האבן אויף די פערזענליכע בקשה און חיזוק ועידוד פונעם ריש מתיבתא כ"ק מרן רבינו שליט"א זיך אריינגעלייגט אין דעם פראיעקט בכל כוחם ואונם.

אלס שליסל צו זייער שתדלנות האט דער רבי זיך געוואנדן צום חשוב'ן מעיאר דער איש החסד והמעש הרה"ח המפורסם מוה"ר אברהם ווייעדער שליט"א, מיט זיין שטאב, וועלכע זענען שטענדיג געשטאנען גרייט צו די האנט פון די הנהלת המתיבתא, פערזענליך אנטיילצונעמען אין מערערע נסיעות קיין אלבאני און אויסצונוצן זייער השפעה לטובה מיט זייערע גרויסע פארבינדונגען בחצרות מלכים ורוזנים, צוצוהעלפן צושטאנד צו ברענגען דעם פראגראם, לטובת די מתיבתא הק' אין קרית יואל ווי אויך פאר די אנדערע ישיבות אין גרעיטער ניו יארק וואס וועלן בעז"ה גאר שטארק פארדינען דערפון, אין לויף פון די קומענדיגע יארן בס"ד.

ספעציעל אין דעם פאל - ביי די יעצטיגע סטעיט סענאט אדמיניסטראציע - איז ווידעראמאל געקומען צום אויסדרוק דער אומשאצבארער ווערד פון א פאראייניגטן בלאק וואוט, אומעטום וואו חרדי'שע אידן וואוינען קען מען אויפטון גדולות ונצורות מיט שתדלנות ביי די ערוועלטע פאליטישאנס פון די לאקאלע ביז די העכסטע פירער פון די סטעיט און פעדעראלע גאווערמענט, וואס דורכ'ן זיך אנשטרענגען ביי יעדן עלעקשאן און קעגנקומען דעם רוף פון די פאראנטווארטליכע ראשי הקהלה, אישי הציבור, און כלל טוער וואס האבן שוין א לאנגיעריגן רעקארד פון אויפטוען לטובת הכלל והפרט, טוט מען פארזיכערן בעז"ה צו טרעפן אן אוזן קושבת ביי די באעהרדע, און דאס ברענגט זיי זיך צו רעכענען מיט די אייגנארטיגע געברויכן פון דעם יהדות החרדית.

ביי דעם "טעפ" פראגראם דורכברוך איז ספעציעל געקומען צום אויבערפלאך דאס וואס דער פראגראם איז דורכגעשטופט געווארן אין סענאט מיט די הילף פון דעם רעפובליקאנער-קאנטראלירטע סענאט, וואס דער פאקט איז זיכער צו פארדאנקען פאר די איינוואוינער פון די שטאט קרית יואל וועלכע איז דער איינציגסטער חרדי'שער געגנט אין ניו יארק וואס ווערט פארטרעטן דורך א "רעפובליקאנעם" סטעיט סענאטאר - דער לאנגיעריגער סענאטער ביל לארקין - וואס איז אויך אויסגעשטאנען א העפטיגן פארמעסט קעגן זיין דעמאקראטישן קאנדידאט, און איז ווי פארשטייט זיך - צוליב זיין לאנגיעריגן רעקארד זיך צוצושטעלן צו די געברויכן פון קרית יואל - געשטיצט געווארן דורכ'ן "קרית יואל בלאק וואוט".

די הילף און מיטארבעט פון רעפובליקאנער סטעיט סענאטארן, האט זיך דאס מאל ביים היי יאריגען בודזשעט אפשטימונג ארויסגעשטעלט צו זיין קריטיש וויכטיג אינעם היינטיגן 30-32 צעטיילטן ניו יארק סטעיט סענאט - וואס איז נאך די פארלאפענע "נאוועמבער וואלן" צוריק אריבער - מיט בלויז איינס מער - צו די רעפובליקאנער מאיאריטעט, שטעלנדיג דעם סענאטאר דיען סקעלאס אלס 'פירער', וואס ער איז שפעטער געווען דער גוטער שליח דורכצופירן דעם "טעפ" ביל אין דעם סטעיט סענאט.

*

## שתדלנות ביי די סטעיט באאמטע פאר נייע באסעס פאר חרדי'שע מוסדות

אין די לעצטע חדשים האָט די ניו יאָרק סטעיט סענאַט באַשטעטיגט אַ פּראָיעקט פון פינף מיליאָן דאָלער, וועלכע איז ספעציעל דעזיגנירט געוואָרן פאר אידישע מוסדות התורה און אַנדערע פּריוואַטע שולעס, צו קענען איינקויפן פרישע באָסעס, וויבאַלד די מוסדות וואַקסן און די אַלטע באָסעס ווערן אָפּגענוצט צוליב די פילע צענדליגער רייזעס טאָג טעגליך צופרי און ביינאַכט.

די באַשטעטיגונג פון די נייע באָסעס קומט אַלס דירעקטע רעזולטאַט פון א לאַנגע צייט פון שתדלנות און עסקנות ביים געשעצטן רעפאבליקאנעם סענאַט מאַיאָריטעט פירער פון ניו יאָרק דיען סקעלאס, וועלכער האָט זיך אַרויסגעשטעלט מיט אן אָפענעם אויער און ברייט האַרץ צו הערן די פּראָבלעמען פונעם חרדי'שן ציבור אין ניו יאָרק און העלפן מיט וואָס ער קען נאָר.

אן עקסטערע ארבעט איז אריינגעלייגט געווארן אַז דער באָסעס פּראָיעקט זאל באַשטעטיגט ווערן אינעם ניו יאָרק סטעיט סענאַט אָנדעם וואָס עס זאל זיך אָנשטויסן אין פּראָבלעמען אַז סטעיט שטיצט רעליגיע. דער גרענט איז צושטאנד געקומען דורך צוויי גרויסע עסקנים פון בארא פארק, הרה"ח יצחק שמעון עסטרייכער הי"ו און זיין חשוב'ער זון הרה"ח ר' יהושע עסטרייכער הי"ו, אויך איז געשטאנען אין שפּיץ פון די שתדלנות אונזער אלעמען באקאנטן ראה"ק וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער נ"י וואס האט שוין אן היסטאריע פון עפענען טירן און טויערן אין אלבאני ביי די ערוועלטע באאמטע לטובת חרדי'שע אידן פון איבער גאנץ ניו יארק.

ווי פריער דערמאנט איז דעם סענאטאר'ס נאנטע צוזאמענארבעט מיט חרדי'שע אידן היבש צו פארדאנקען די שטאט קרית יואל וועלכע האט געהאט א גרויס חלק אין דעם פאקט אז דער סענאט געפינט זיך אין רעפובליקאנע הענט. דער סענאטאר האט שוין אייגנטליך צוויי מאל באזוכט דא אין די שטאט אין די לעצטערע צייט. פארגאנגענעם זומער איז ער געקומען דאס ערשטע מאל אויף א באזוך, זיך צו באקענען פון דער נאנט מיט דער קרית יואל פירערשאפט. ער איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס ווארימקייט דורך די הנהלת הקריה, און נאך א טור ארום דער שטאט איז צוגעשטעלט געווארן א מאלצייט פאר'ן גאסט, ביי רייך געדעקטע טישן אין זאל פון אשת חיל. וואו עס איז אויסגעשמועסט געווארן אלע טעמעס וואס איז נוגע אידן בכלל און קרית יואל בפרט.

עס איז קענטיג געווען אויפ'ן סענאטאר אז זיין בליק אויף אזא שטאט ווי קרית יואל, האט אים געגעבן דעם ריכטיגן אפשאץ אויפ'ן גאנצן ניו יארקער אידנטום, און עווענטועל האט דאס אויך בייגעשטייערט צו ווייטערדיגע פראיעקטן און דערגרייכונגען פאר חרדי'שע אידן פון די גאנצע סטעיט.

*

## יותר ממה שקרינו לפניכם כתוב כאן...

אין צוגאב צו די אלע אויבנדערמאנטע פראיעקטן זענען נאך פאראן אומצאליגע אקטיוויטעטן וואס זענען דורכגעפירט געווארן אין דעם פארלאפענעם יאר תשע"א און זענען נישט אויסגערעכנט געווארן אין ראם פון דעם ארטיקל. אריינגערעכנט די ארבעט פון צוגרייטן דעם פראכטפולן בנין פאר ישיבתינו הק' שיעור ד', דאס עפענען א ראוד פון טעטש צו חברון ראוונע, א נייע שארט קאט פון פראג צו ווען ביורען, און דער שטח וואס די הנהלת הקרי' האט געשאנקען פאר די מקוה אין שכונת ברך משה, און דער שטח פאר פארקינג לאט נעבן ביהמ"ד אבני צדק. ועוד ועוד שאי אפשר לפורטם כי רבים הם.

**אצינד איז דער חובת השעה מיר זאלן האלטן פאר די אויגן דעם רייכן עבר און דערמיט שפינען ווייטער דעם גליקליכן עתיד בעז"ה. לאמיר אלע אנהאלטן דעם שותפות! מאכט זיכער ביים קומענדיגן "נאוועמבער עלעקשאן" אז יעדער פון אייער משפחה, נאנטע, און באקאנטע זענען אנגעשלאסן אינעם "קרית יואל בלאק וואוט", דער לאנג יעריגער אויסגעפרואווטער שליסל צו עפענען טירן און טויערן בעז"ה ביי די ערוועלטע פאליטישענס, און דער איינציגסטער טרייבקראפט נאכצוקומען די לעבענסוויכטיגע געברויכן פאר די טויזנטער קרית יואל'ע איינוואוינער כ"י.**

**גדול כח הרבים! איינאיינעם וועלן מיר פלעגן דעם הערליכן ווייגארטן, קרית יואל! דער שטאט וואס איז געבויעט געווארן דורך רביה"ק זי"ע און ווערט גערופן לשמו ולזכרו, אז מ'זאל קענען פארזעצן מיט די הרחבת גבולי הקדושה, אפגעזונדערט פון די גוי'אישע גאס, און צו קענען ערפילן רצון קדשו אז עס זאל פארבלייבן אלס א פלאץ וואו צו מחנך זיין אונזערע קינדער און אייניקלעך ביז משיח'ס טאג בקרוב ובמהרה.**

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

-טראנספארטעישאן דעפארטמענט-

# באס טראנספארטעישאן סעיפטי אנווייזונגען

## וויכטיגע אויפפאדערונג פאר די חשוב'ע איינוואוינער

אזוי ווי אזוי ווי קרית יואל איז ב"ה געבענטשט מיט פיל קינדער כ"י, און ווי פארשטענדליך ווערט כסדר דער פארקער גרעסער און געדיכטער, וועלכע שטעלט בעיקר אין געפאר די טויזענטער קינדער כ"י וועלכע גייען טאג טעגליך מיט די באסעס. דעריבער קומען מיר ארויס מיט א אויפפאדערונג פאר אלע איינוואוינער צו זיין זייער פארזיכטיג ווען מען איז אויפ'ן ראוד, ספעציעל ווען מען באגעגענט א סקול באס.

דער געזעץ לויטעט: אז ווען מען בגעגנט זיך מיט א סקול באס וועלכע נעמט אויף אדער לייגט אראפ קינדער און די רויטע לייטס בלינקען, **דארפן די קארס פון אלע ריכטונגען זיך אפשטעלן אוןווארטן ביז די רויטע לייטס ווערן אויסגעלאשן.** די קארס דארפ'ן זיך אפשטעלן א גענוג ווייטע שטרעקע כדי די קינדער זאלן קענען זיכערהייט אדורכגיין, דער פאראָרדענונג איז צו פארמיידן פון א סכנה, און איז אויך א טראפיק פארלעצונג וועלכע קומט מיט א גרויסע שטראף און ווערט שטרענג אינפארסירט.

## עלטערן דארפן צוהעלפן צו דעם זיכערהייט פון די קינדער דורכ'ן אנזאגן די פאלגענדע אנווייזונגען:

1) פון די גרעסטע פראבלעמען ביים טראנספארטירן די קינדער, איז ווען א קינד דערמאנט זיך אין די לעצטע מינוט און נעמט זיך לויפן צום באס, דאס איז א גרויסע סכנה סיי מצד די קארס וועלכע קענען דורכפארן און באמערקן נישט דעם קינד דורכלויפן, און סיי מצד דעם דרייווער וועלכע נעמט זיך פארן נאכדעם וואס ער האט זיכער געמאכט אז אלע קינדער זענען שוין אויפ'ן באס, און נעמט נישט אין אכט אז א קינד שטייט אים אונטערן רעדל ה"י. **מאמעס זאלן געדענקען אז אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו,** אויך זענען די דרייווערס אנגעזאגט נישט צו אויפנעמען קיין קינד וועלכע לויפט נאך דעם באס.

2) ווארטנדיג אויפ'ן באס זאלן די קינדער נישט שטיין ביים עק סיידוואלק, אדער אויפן ראוד.

3) ווען דער באס קומט אן צום באס סטאפ, זאלן די קינדער נישט צוגיין צום באס ווילאנג דער באס קומט נישט צו א קאמפליט סטאפ און עפענט דעם טיר.

4) ווען מען קראסט אריבערצוגיין צום באס, זאל מען גוט קוקן פון אלע זייטן צו עס קומען נישט קיין קארס און אזוי אריבערגיין (און נישט זיך פארלאזן אז די קאר וועט זיכער סטאפן).

5) אויב עס פאלט עפעס אראפ נעבן באס, זאל מען בשום אופן עס נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פארן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס.

6) ביי קלענערע קינדער איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן ווארטן מיט די קינדער ביים באס צופרי און אפווארטן ביים אהיימקומען.

7) עלטערן זאלן אנזאגן פאר די קינדער, אז ווען מען קומט אהיים פון חדר-סקול זאל מען קודם אריינקומען אין שטוב, און אזוי ארום פארשפארן עגמת נפש.

8) ביים אריבערגיין דעם באס זאל מען גיין גענוג ווייט פונעם פארענט פונעם באס, אז מען זאל קענען זען דעם דרייווער.

## - טראנספארטעישאן נומערן -

**טראנסאפארטעישאן אפיס**
(נישט פאר עמוירדזשענסי)
**782-3687**

**עלטערן קאמיוניקאציע ליין**
**און עמוירדזשענסי נומער**
(צב"ש אויב א קינד איז נישט אנגעקומען אהיים)
**782-2300 Ext. 123**

**סקעדזשועל אינפארמאציע**
**782-1512 Ext.1**

# בילדינג קאודס

באַשריבן דורך: נפתלי וויינבערגער

## -אריינפיר-

בילדינג-קאָודס? פייער-קאָודס? פאַרוואָס פעלן זיי אויס?!

היינטיגע צייטן אַז מען בויט אַ געביידע איז דאָ אַ סאָרט זאַך וואָס רופט זיך בילדינג-קאָודס, דאָס מיינט די געזעצן וויאַזוי מען דאַרף בויען אַ הויז, און סיי וועלכע געביידע. מען קען נישט סתם צוזאַמקלאַפּן קלעצער און פּלייוואָודס, ציען עקסטענשאָן ווייערס און פּלעסטיק שלויכן פאַר פּלאָמבינג.

סתם דער המון-עם ווייסט דאָס נישט אָבער די וואָס טוען אין קאָנסטראָקשאָן ווייסן דאָס יאָ, עס איז דאָ אַ נאַציאָנאַלע כלליות׳דיגע בוי קאָוד, להבדיל אַ שולחן ערוך פון געזעצן פונקטליך וויאַזוי מען דאַרף בויען היימען און געביידעס, און יעדע סטעיט האָט אויך איר אייגענע קאָוד, ניו יאָרק סטעיט, פונקט ווי די אַנדערע סטעיטס, האָט אויך איר קאָוד וואָס רעגולירט יעדן דעטאַל וויאַזוי מען בויט אַ געביידע, אַ רעזידענשל געביידע און אַ קאָמערשל געביידע.

די געזעצן זענען גאַנצעטע ביכער, און ווערן כסדר איבערגעפרישט צו רעפלעקטירן די לעקציעס וואָס מען לערנט זיך כסדר, וואספארא זאַכן טויגן און וואָס מען דאַרף פאַרריכטן. מען האָט כמעט שוין 12 אָדער 13 ביכער מיט געזעצן וואָס רופן זיך די בילדינג קאָוד.

יעדער קאָנטראַקטאָר דאַרף דאָס צו קענען און יעדע מוניציפּאַליטעט האָט אַ בילדינג דעפּאַרטמענט מיט אַ בילדינג אינספּעקטאָר וואָס מאַכן זיכער - דורך אינספּעקציעס דורכאויס די צייט פונעם בויען און ביים פאַרטיגן - אַז די געביידע איז געבויט פונקטליך לויט׳ן קאָוד.

נאָר ווען עס קומט צו אַן אומגליק אָדער אַ שיער-אומגליק ווערט מען געוואויר ווי וויכטיג די בילדינג-קאָוד געזעצן זענען, נאַטורליך זענען קאָנטראַקטאָרס נישט צי פריילין איבער די אַלע פאַרלאַנגען פונעם בילדינג-קאָוד אפּיציר, ווייל אויסערליך קוקט דאָס אויס איבעריג, איבערגעטריבן, און עס קאָסט מער געלט און צייט און קאָפּווייטאָג, אָבער קוקנדיג אויף צוריק האָבן די בילדינג קאָודס אָפּגעראַטעוועט אַסאַך לעבנס און פאַרזיכערן אַז מען לעבט אין אַ זיכערן צושטאַנד נישט ווי אַמאָל אינעם מיטל-אַלטער.

כסדר הערט מען פון אומגליקן אין צוריקגעשטאַנענע לענדער, אָדער אין לענדער וואו קאָרופּציע רעגירט און דורך כאַבאַר קען מען אויסקרויזן די אַלע געזעצן. ווען עס פאַסירט דאָרטן טראַגעדיעס, געביידעס פאַלן צוזאַם, ספּעציעל ביי ערדציטערנישן, אָדער עס פאַסירט טראַגישע פייערן, ווערט מען געוואויר אַז מען דאַרף דאַנקען דעם באַשעפער אַז מיר לעבן אין אַ מלכות של חסד ווי אַמעריקע, אַ געהעריגע ציווילידירטע קאָרופּציע-פרייע לאַנד וואו די געזעצן פאַר׳ן זיכערהייט פונעם פאָלק ווערן שטרענג פאָרסירט און מען וואוינט עטוואס זיכערער.

בילדינג-קאָודס זענען צעטיילט אויף צוויי טיילן, איינס באַציהט זיך אויפ׳ן סטרוקטורעלע זיכערהייט פון די געביידע עס זאָל בלייבן שטיין און נישט צוזאַמפאַלן, די צווייטע איז איבער פייער סעיפטי, אַז עס זאָל נישט אויסברעכן קיין פייערן (צב״ש צוליב עלעקטעריציטעט פּראָבלעמען), און אַז ווען עס פאַסירט שוין אַ פייער זאָל זיך דאָס נישט פאַרשפרייטן אַזוי שנעל.

אַלעס אין אַ הויז איז געבויט קעגן פייער, שיטראַק איז אַ מעלה ווייל עס ברענט נישט שנעל, שיטראַק ווערט אַריינגעקלאַפּט אויף אַזעלכע אַכט פוס הויכע 2-4 קלעצער וואָס מוזן אינמיטן פונעם הויכקייט - ביי האַלב פונעם הויכקייט פונעם וואַנט - האָבן אַ ברעט אַריינגעקלאַפּט אין די ברייט, כדי אויב אַ פייער לויפט אינעם הוילקייט פונעם וואַנט זאָל עס נישט קענען אַזוי שנעל פאַראיבערגיין.

קאַרפּעט מוז היינט צוטאָגס געמאַכט ווערן אַז עס זאָל זיין פייער-ווידערשטאַנדיג און דאָס נעמט אַריין אַלע סחורה און געוואנטן וואָס מען נוצט אין מעבל.

פעינט טאָר לכתחלה נישט זיין פון אויל באַזירטע פעינט כדי עס זאָל נישט אַזוי שנעל פלאַקערן.

עס מוז שוין היינט זיין ספּרינקלערס אין אַלע הויך-שטאָקיגע אַפּאַרטמענט געביידעס, אויך מוז מען האָבן פייער דעטעקטאָרס, סמאָוק דעטעקטאָרס, קאַרבאָן מאָנאַקסייד דעטעקטאָרס. וכהנה וכהנה.

דאָס איז בלויז אַ קליינעם בליק אינעם וועלט פון פייער סעיפטי קאָודס אין געביידעס.

נישט אויספאָלגן די פייער סעיפטי קאָודס ברענגט פאַטאַלע קאָנסקווענצן, צב״ש ביי די ווט״צ געביידעס האָט מען אידענטיפיצירט פילע פונקטן, וואָס אויב וואָלט מען ווען שטרענגער אויסגעפאָלגט די פייער-קאָוד געזעצן, אָדער גענוצט מער פאָרזיכטיגקייט, וואָלטן די געביידעס בדרך הטבע נישט צוזאַמגעפאַלן...., דאָס מיינט אַז פיל ווינציגער מענטשן וואָלטן אומגעקומען, און איר וואָלט נישט געדאַרפט צאָלן $4 מער טאָל ביים דזשאָרדזש וואַשינגטאָן בריק צו פינאַנצירן די ווידעראויפבוי פון די געביידעס.

אין אונזער קאָלום וועלן מיר באַשרייבן פייער-קאָודס און בילדינג-קאָודס, און מסביר זיין פאַרוואָס זיי פעלן אויס, מיר וועלן אויך באַשרייבן זייער היסטאָריע.

פייער-קאָודס און בילדינג-קאָודס זענען נישט געבוירן געוואָרן איבערנאַכט, עס איז אַ פּראָדוקט וואָס איז ערצייגט געוואָרן דורכאויס הונדערטער יאָרן דורך ביטערע ערפאַרונגען, טעותים און אומגליקן וואָס מען האָט מיטגעמאַכט און געליטן, וואָס דערפון האָט מען זיך געלערנט א לעקציע. ווי יעדער ווייסט, די רויע אויסטייטשונג פון "ערפאַרונג" איז: "אַ היסטאָריע פון מיסטעיקס".

*

דאָהי אין קרית יואל, כאָטש וואָס מען האָט אַ היימישע פירערשאַפט אינעם ווילידזש, איז נישטאָ קיין 'היימישע' ווירטשאַפט, מען האָט אַ העכסט פּראָפעסיאָנאַלע בילדינג שטאַב וועלכע פאָרסירן די בילדינג-קאָוד געזעצן גאָר שטרענג, וואָרום עס מיינט אידישע נפשות און אידישע נכסים, און אידן האָבן דעם ציווי פון ונשמרתם מאוד לנפשותיכם.

אַ ביישפּיל האָט מען זיך איבערגעצייגט ביים לעצטיגן האָריקעין איירין, וואָס אַדאַנק דעם וואָס מען איז שטאַרק מקפיד ביים בויען דעם דרעינידזש אינפראַסטרוקטור עס זאָל זיין אַהערגעשטעלט לויט ווי די געזעץ פאַרלאַנגט, איז מען ברוך השם אָפּגעקומען מיט מינימאַלע שאָדנס, קעגן די אַנדערע ערטער אַרום.

דער ווילידזש אָפּיס, גענוי ווי אַנדערע מוניציפּאַליטעטן, נוצן דעם ניו יאָרק סטעיט בילדינג-קאָוד אַלס די געזעצן ביים בויען הייזער, יעדער אָרט לייגט צו געזעצן לויט איר פאַרשטאַנד, און דער ווילידזש האָט אויך צוגעלייגט עטליכע געזעצן, צב״ש אויפ׳ן געביט פון ספּרינקלערס, סיידוואקס, קאמיוניטי רומס און עפאָרדעבל האוזינג.

אַ לעצטיגע צוגאָב צום געזעץ פאַרלאַנגט אַז עס זאָל זיין אַ ספּרינקלער סיסטעם אויפ׳ן פאָרטש, וואָרום אַ פאָרטש איז אַ אָרט פון וועלכע עס קען זיך מאַכן אַ שריפה רח״ל סיי סוכות און סיי אַגאַנץ יאָר. אַ ספּרינקלער קען שנעל פאַרלעשן אַ שריפה וואָס קען אַמאָל חרוב מאַכן אַ גאַנצן אַפּאַרטמענט געביידע.

וואָלט מען דאָס איינגעפירט פינף יאָר צוריק, וואָלטן קאָנטראַקטאָרס זיך געביסן די ליפּן, וואָרום עס לייגט צו נאָך אַ הוצאה, און אַ פאָרטש ספּרינקלער מוז זיין אַ טרוקענע לופט געטריבענע סיסטעם וואָרום עס איז אַוטדאָור אויפ׳ן גאַס און אַ געוועגליכער וואַסער געטריבענער ספּרינקלער סיסטעם טויג נישט ווייל די וואַסער ווערט פאַרפרוירן.

איצט נאָך די געשיכטע 3 יאָר צוריק ווען אַ גאַנצע אַפּאַרטמענט געביידע איז חרוב געגאַנגען פון אַ סוכה פייער, ווייסט מען שוין די וויכטיגקייט דערפון. עס איז אָבער פונקט אַזוי וויכטיג צו קאָאָפּערירן מיט׳ן געזעץ ווען עס איז נישט קלאָר די בענעפיטן, וואָרום עס איז ביליגער זיך צו לערנען פון אַן אַנדערנס לעקציעס ווי זיך דאָס לערנען אויף די אייגענע האַנט.

## היסטאָריע פון בילדינג-קאָודס און פייער קאָודס

ווי פאַרשטענדליך איז די היסטאָריע פון פייער-קאָודס און בילדינג-קאָודס געבונדן, און איז ערצייגט געוואָרן באַנאַזאַם אויך פון ביטערע ערפאַרונגען.

די ערשטע בוי געזעץ וואָס מען האָט זעט מען אין די הייליגע תורה, בנוסף צום חיוב פון ונשמרתם מאד לנפשותיכם, שטייט אין פסוק כי תבנה בית חדש ועשית מעקה לגגך כי יפול הנופל ממנו. ווייטער גייט דאָס אַריבער צו די גמרא אין בבא בתרא און דער שו״ע חושן משפט וואָס האָבן אַסאַך הלכות און דינים איבער בויען הייזער און הלכות נזקי שכנים.

בילדינג-קאָודס גייען להבדיל צוריק איבער 2 טויזנט יאָר צוריק אין בבל, אין וועלכע דער בויער פון הייזער איז געווען פאַראַנטוואָרטליך, מיט׳ן געלט און לעבן, פאַר די רעזולטאַטן פון זיין בוי ארבעט.

די בילדינג-קאָודס פון נבוכדנאצר מלך בבל זענען גאַנץ שאַרף לויט די היינטיגע סטאַנדאַרטן, זעט אויס אַז קיין אַנדערע ברירה האָט מען נישט געהאַט וואָרום מענטשן האָבן פאָרגעזעצט צו שטאַרבן און געשעדיגט ווערן און באַשווינדעלט ווערן דורך אומערליכע בוי מייסטערס.

אָט איז געווען נבוכדנאצר׳ס געזעצן:

228. אויב עמיצער בויט אַ היים פאַר עמיצן און ער פאַרטיגט דאָס דאַרף מען אים צאָלן 2 זילבערנע שקל פער "סאַר", (אַ מעסטונג וואָס מיינט אַרום 12 סקווער פיס).

229. אויב עמיצער בויט אַ הויז פאַר עמיצן און די אַרבעט איז נישט פעסט און שטאַרק, אָדער אַז די היים פאַלט איין און הרג׳עט דעם היים אייגענטומער, דאַרף מען הרג׳ען דעם בויער.

230. אויב די קינד פונעם היים אייגענטומער ווערט גע׳הרג׳עט דאַרף מען הרג׳ען דעם קינד פונעם היים בויער.

231. אויב אַ קנעכט פונעם היים אייגענטומער ווערט גע׳הרג׳עט, דאַרף דער היים בויער אים אַוועקגעבן זיין קנעכט.

232. אויב נכסים מטלטלין ווערן געשעדיגט ווען די היים איז איינגעפאַלן דאַרף דער בויער דאָס באַצאָלן און אויך איבערבויען די היים אויף זיינע אייגענע קאָסטן.

*

## בילדינג קאָודס אין רוים

נאָכדעם איז געקומען רוים וועלכע איז געווען אַ סאָפיסטיקירטע הויפּטשטאָט, די רוימישע מלוכה איז געווען גאָר רייך און האָט געשפּענדעט ריזיגע סכומים אויף גרויסע פּאָבליק פּראָיעקטן און האָט אָנגעהאַלטן אַ שטרענגן סטאַנדאַרד ביים בויען די פּאָבליק אינפראַסטרוקטור פון די שטאַט עס זאָל זיין אויסגעהאַלטן פון אַן אינדזשענירונג סטאַנדאַרד.

דאָס איז געווען אין פּאָבליק, אָבער ביים בויען סתם הייזער פאַר׳ן המון עם האָט מען נישט אַזוי מקפיד געווען.

דעריבער מען רעדט אַסאַך מאָל פון די גרויסע רוים און וואָסערע מעכטיגע אימפּעריע זי איז געווען דאַרף מען וויסן אַז דאָס איז בלויז געווען דאָרטן וואָס עס האָט זיך געגרעניצט מיט די אינטערעסן פון די מלוכה, וואו מען זעט דאָס אין חז״ל ביים מעשה פון רבי שמעון בר יוחאי, אָבער אויפ׳ן געביט פון סתם המון עם איז זי געווען אונטערשטעליג.

סתם רעזישענדל הייזער פלעגן זיין אַזוי שוואַך אַז זיי זענען צוזאַמגעפאַלן נאָך פאַר׳ן געפאַרטיגט ווערן, הייזער זענען געווען שוואַך געבויט, נאָנט איינס צום צווייטן, און סאַניטאַציע איז געווען היבש אונטערשטעליג.

דער קיסר נירון האָט געהאַט אַן אייגענעם פּלאַן וויאַזוי רוים דאַרף אויסצוקוקן, און האָט געוואָלט איבערבויען די שטאָט.

שפּעטער האָט אויסגעבראכן אַ שרעקליכע שריפה וועלכע האָט חרוב געמאַכט די הויפּטשטאָט רוים. נאָכדעם האָט מען איבערגעבויט די שטאָט לויט נירון קיסר׳ס פּלענער. יעדע געביידע האָט געדאַרפט נאָכקומען נירון קיסר׳ס פּרינציפּן וועגן בוי שטאַרקייט און פייער ווידערשטאַנדיגקייט, און יעדע הויז האָט געדאַרפט האָבן אַ געהעריגע סאַניטאַציע סיסטעם.

טייל קאָנספּירעטיקער זאָגן אַז נירון קיסר האָט עפּעס אַ שייכות געהאַט מיט׳ן ריזיגן שריפה וואָס האָט חרוב געמאַכט רוים, וואָרום ער האָט געוואָלט די גאַנצע שטאט אָפּמעקן און אַלעס איבערבויען פון דאָס ניי.

*

## די ריזיגע פייער אין לאָנדאָן תכ״ז (666' למס')

נאָך רוים איז די קומענדיגע סטאַנציע פאַר׳ן אַנטוויקלונג פון פייער קאָודס און בילדינג סעיפטי קאָודס אין די היסטאָריע פון מענטשליכע ציוויליזאַציע געווען אין לאָנדאָן עיר הבירה, די הויפּטשטאָט פון די ריזיגע ענגלישע מלוכה.

לאָנדאָן האָט אין יאָר תכ״ה, (665' למס'), געליטן אַ שווערע מגיפה באַקאַנט אַלס די "שוואַרצע מגיפה" אין וועלכע מענטשן זענען געשטאָרבן ווי די פליגן, אַזויפיל ווי טויזענט מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן אַ וואָך אין לאָנדאָן אַליינס.

עס איז נישט געווען קיין גרויס וואונדער, די מגיפה איז פאַרשפּרייט געוואָרן דורך פליגן וועלכע האָבן די מחלה באַקומען פון די מיליאָנען ראַטן און מייזן און אַנדערע חיה׳לעך וואָס האָבן זיך געפיטערט אויף די הויפנס גאַרבעדזש אָפּפאַל און שמוץ וואָס די שטאָט האָט פּראָדוצירט.

לאָנדאָן איז דאַן געווען אַ ריזיגע הויפּטשטאָט אָבער אויפ׳ן פּרימיטיוון שטייגער, פון סאַניטאַציע און ריינקייט איז נישט געווען קיין זכר, אָפּפאַל איז אָפט געפלאָסן אין די גאַסן

(פאַרזעצונג אויף זייט 32)

# בילדער פון חודש תשרי אין דעם הייליגן מוסד שערי חמלה

די קינדערלעך אין שערי חמלה האבן אליינס געבאקן פיינע האניג קעיק לכבוד ר"ה



מען מישט צוזאם די אינגרידיענטס



מען לייגט עם אריין אין אויוון




א פארטיגע קוכן אהיימצוברענגען פון סקול

לכבוד דעם מנהג פון תשליך האבן די קינדער געמאכט פון דזשעלאו א אייגענעם תשליך וואסער מיט א פיש



מען גיסט אריין די דזשעלאו



מען לייגט אריין דעם פישל



א פארטיגע תשליך...



די קינדער ביים ריכטיגן תשליך



די עלטערע קינדער זענען געפארן צו א גרעסערע וואסער זאגן תשליך



מען ציינט פאר די קינדער וויאזוי מען איז מקיים מנהג כפרות



די קינדער ציינגן אן אויפן טאוול די מצוות פונעם יו"ט



די קינדער העלפן בויען די סוכה פון שערי חמלה



מען פראוועט אן אייגענעם שמחת תורה

# בילדער פון חודש תשרי אין דעם הייליגן מוסד שערי חמלה

**אין סקול דיסטריקט איז געפייערט געווארן א מסיבה צום עפענונג פון דעם וויכטיגן "טעראפי סווימינג פול"**
**וואס וועט העלפן צו מאכן וויכטיגע וואסער טעראפי פאר די וואס דארפן ליידער צוקומען דערצו**




דער נייער טעראפי סווימינג פול



דער סופעראינטענדענט פון סקול ר' יודא מאיר
פעטלין הי"ו באגריסט די פארזאמעלטע



די באאמטע צייכענען אפ דעם עפענונג




באטראכטנדיג דעם נייעם פול



א ספעציעלע קוכן איז צוגעשטעלט געווארן אין
פארעם פון דעם סווימינג פול



איינע פון די נייע באסעס פון די סקול דיסטריקט

**לכ' חול המועד איז צוגעשטעלט געווארן פרייליכע אקטיוויטעטן פאר די קינדער**



דער מעיאר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א
באזוכט די קינדער אום חוה"מ



מען צייגט די קינדער וויאזוי מען האט געווארפן די
פאקלען ביי שמחת בית השואבה



די קינדער זענען ארומגעפארן
מיט א פערד און וואגן



דער פרינציפעל מו"ה לייבוש האלפערין הי"ו
צייגט פאר די קינדערלעך פון די איינגעשטעלטע
וויאזוי מען שיסט ארויס א ראקעט



מען שיסט עס ארויס אויך אין גאס
ביז צו די הויכע ספערן



די ארבייטער אין שערי חמלה זענען זיך
צוזאמגעקומען לכ' חוה"מ אין די סוכה פון הרה"ח ר'
חיים ידידי' פישער שליט"א מנהל שערי חמלה

# בילדינג קאודס

(פארזעצונג פון זייט 29)

אומגעשטערט אין אָפענע קאַנאַלן, און מענטשן פלעגן אַרויסוואַרפן דאָס שמוץ פונעם פענסטער אין גאַס אַראָפּ אויף די גרויסע הויפנס, און דאָס האָט געפיטערט די ראַטן און די פליגן און די ״שוואַרצע מגיפה״.

מען האָט אויך געליטן פון פייערס, די הויפט בוי מאַטעריאַל איז געווען דיקע האָלצערנע בעלקענעס, און ווען אַזוינס האָט זיך גענומען ברענען האָט דאָס געברענגט ווי אַ קויל פאַר טעג און וואָכן.

די דעפינירנדע מאָמענט אין היסטאָריע פון לאָנדאָן איז געווען אין תכ״ז, ווען אַ פייער האָט אָפּגעווישט די שטאָט.

די פייער האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ אָרימע קוואַרטאַל פון די שטאָט, אין אָנהויב האָט מען דאָס איגנאָרירט, די שטאָטישע טאַטעס האָבן זיך קיין סאַך נישט געקימערט אַז עס ברענט אָפּ אַפּאָר כאַטקעס פון אָרימעלייט.

דער פייער האָט שפּעטער דערגרייכט אַן אינדוסטריעלע זאָנע וואו עס זענען געווען ווערהאַוזעס וואָס האָבן אַנטהאַלטן בהמות און חיות פעטנס, אויל און אַלקאָהאָל. די סקלאַדן פעטנס און אַלקאָהאָל האָבן אויפגעריסן אין די פלאַמען און האָבן געגעבן ברענשטאָף פאַר׳ן פייער וואָס האָט געברענט לאַנגע וואָכן.ביים ענדע האָט דער פייער פאַרניכטעט 15,000 הייזער, אָדער צוויי-דריטל פון די שטאָט לאָנדאָן.

נאָכ׳ן פייער האָט דער לאָנדאָן פאַרלאַמענט געאַרבעט 2 יאָר צו שרייבן דעם לאָנדאָן בילדינג געזעץ, וועלכע האָט געשאַפן בילדינג-קאָוד און פייער-קאָוד געזעצן פאַר לאָנדאָן, און שפּעטער האָט די איבריגע טייל פון ענגלאַנד דאָס אַדאָפּטירט. דאָך, ביז מען האָט אָנגעיאָגט איינצופירן די געזעצן איז רוב פון לאָנדאָן שוין געווען איבערגעבויט אויפ׳ן אַלטן שטייגער.

*

### זיך באַשיצן פון פייער

שוין איבער טויזענט יאָר צוריק נאָך אין די צייטן פון די רוימער איז מען אויפגעקומען מיט די וויכטיגקייט פון באַשיצן געביידעס פון פייערן.

קיין פייערלעשעריי איז נאָך דעמאָלס נישט געווען, איז מהיכא תיתי, אין דערפער און אין שטעט וואו מען האָט געוואוינט צושפּרייט, איז ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ פייער האָט מען אָנגעיאָגט עס צו פאַרלעשן - דורך שורות מענטשן וואָס האָבן זיך געצויגן ביז׳ן טייך און מען האָט זיך איבערגעגעבן אַמפּערס וואַסער איינער דעם צווייטן - איידער עס איז אַרויס פון קאָנטראָל און האָט אָפּגעברענט מערערע הייזער.

אין די גרויסע שטעט, וואו מען האָט געוואוינט אַפּאַרטמענט בלאָקן צושטופּט איינס אין צווייטן, איז געווען נאָרמאַל אַז גאַנצעטע בלאָקן האָבן אָפּגעברענט.

דערפאַר, נאָכדעם וואָס רוים האָט אָפּגעברענט און נירון קיסר האָט זיך גענומען עס צוריק אויפבויען, האָט מען זיך גענומען אינקאָרפּאָרירן אין די געביידעס פאַרשידענע אַנטי-פייער מיטלען אַז אויב איין געביידע ברענט זאָל זיך נישט דאָס איבערכאַפּן צו די געביידעס דערנעבן, דאָס איז געווען אַזוי ווי היינט הייסט מען מאַכן אַ הויכן פייער-וואַנט (פייערוואָל) צווישן צוויי האַלבן פון אַפּאַרטמענט געביידעס.

מען האָט זיך נישט אַזוי געזאָרגט פאַר פייערן אין איין אַפּאַרטמענט געביידע, נאָר אַז עס זאָל נישט פון אַ בילדינג פייער ווערן אַזוינס וואָס פאַרניכטעט אַ גאַנצע שטאָט.

נאָכ׳ן צוזאַמפאַל פון די רוימישע אימפעריע, אין דער אָנהויב פונעם מיטל-אַלטער עפּאָכע, האָט גענומען ביז 300 יאָר צוריק אַז מען זאָל זיך נעמען צו אַ סייענטיפישן צוגאַנג קעגן פייער פאַרשפּרייטונג.

דאָס האָט פּאַסירט נאָכ׳ן ריזיגן לאָנדאָן פייער אין 666׳ וועלכע האָט פאַרניכטעט 80 פּראָצענט פון די שטאָט וואָס לאָנדאָן האָט אַדאָפּטירט די ערשטע בילדינג רעגולאַציעס צו בויען שטיינערנע און ציגלנע געביידעס מיט אָפּטיילונגען פון פייער-ווידערשטאַנדיגע מאַטעריאַלן.

די לאָנדאָן פייער האָט אויך געברענגט אינטערעסע צו אַנטוויקלען פייערלעשן געצייג פון האַנט-פּאָמפּס וואָס מען האָט געדאַרפט פּאָמפּן מיט די האַנט.

ביי די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד אין די תקופה אָנגעהויבן 200 יאָר צוריק, און אין אַמעריקע אַ קנאַפּע הונדערט יאָר שפּעטער, האָט מען נאָך אַלץ געהאַט די פּלאָג פון ריזיגע שריפות וואָס האָבן פאַרברענט הונדערטער הייזער יעדעס מאָל, אָבער די צאָל פון די סאָרט קאַטאָסטראָפאַלע זענען כסדר געפאַלן, וואָרום מען האָט ערזעצט דאָס בויען געביידעס און הייזער פון האָלץ, שטרוי, פעך און אַנדערע שנעל-ברענענדיגע שטאָף, צו ציגל און ליים און שטיינער, קאַנקריט און שטאָל וואָס ברענט נישט.

אויך האָט מען פאָרמירט געהעריגע מוניציפּאַלע פייער דעפּאַרטמענטס ווי מען האָט היינט צוטאָגס, און מען האָט אינסטאָלירט אַן אינפראַקסטרוקטור פון אונטערערדישע פייער פייפּס און פייער היידרענטס אויף די גאַסן. אויך האָט מען אַנטוויקעלט בעסערע פייערלעשן מאַשינען.

דאַן האָט מען זיך אויך גענומען טראַכטן וויאַזוי מען קען באַשיצן אינדיווידועלע געביידעס און היימען פון גענצליך פאַרניכטעט ווערן ביי אַ שריפה.

די נויט דערצו איז געשטיגן ווייל צוליב די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָבן זיך אין הייזער און ספּעציעל פאַבריקן געפונען אַ גרויסע צאָל שנעל-ברענענדיגע כעמיקאַלן און סתם ברענשטאָף ווי נאַפט און געז וכדומה.

*

## מאַסיווע וואַסער ליעק אין מעין פייפּ

(פארזעצונג פון זייט 3)

אויפ׳ן לינקן זייט, באַגראָבן פיר פוס אונטער׳ן שאָסיי, וועלכע איז אַכט אינטשעס אין אומקרייז. היות די ליעק איז געווען אין די מעין פייפּ, ווי איידער זייטיגע צווייגן פונעם סיסטעם, האָט דאָס וואַסער אַרויסגעשטראָמט מיט אַ גרויסע פּרעשור.

מען האָט דאָס ווי פאַרשטענדליך געמוזט גלייך פאַרריכטן, די פירמע און די גויאישע וואַסער אַרבעטער האָבן תיכף ומיד איזאָלירט דעם געשעדיגטן טייל פונעם סיסטעם כדי מען זאָל נישט פאַרלירן נאָך וואַסער און דערמיט איז די פּראָבלעם שוין געוואָרן פאַרלייכטערט.

מען האָט געאַרבעט פיר שעה אויפ׳ן אָרט און מען האָט אַרויסגעשניטן דעם צושפּאָלטענעם פייפּ און מען האָט אַריינגעשטעלט אַ נייעם פייפּ און דאָס פאַרשלאָסן ביי ביידע עקן, און דערמיט איז דער פּראָבלעם ב״ה פאַרראָכטן געוואָרן.

נעמט עס נישט פאר לייכט

יעדע
שטימע
ציילט

״אייער״ שטימע אויך

אל תפרוש מן הציבור



# בריוו פון תושבי הקרי׳

## איבער מעלדן די אַנקלעימד פאָנדס געלטער

אַל כבוד מערכת פונעם אינהאַלטסרייכן צייטונג די הקריה.

איך האָט געוואָלט אייך באַדאַנקען פאַר די עטליכע בלעטער וואס איר האָט אינעם פאָריגן אויסגאַבע געשאנקען צו ברייט באַריכטן איבער דאָס מין זאַך ווי אַנקלעימד פאָנדס און אַ ליסטע פון די נעמען פון אידן לאָקאַל וועלכע האָבן פאַרלוירענע געלטער.

די געלטער זענען אַזעלכע וואָס מענטשן האָבן איבערגעלאָזט ביי בענק און אין אינוועסטירונג פירמעס און אינשורענס פאַליסיס וואָס אויב מען קאלעקט דאָס נישט ווערט דאָס פאַרפאַלן צו די סטעיט רעגירונג.

מיר איז דאָס שטאַרק צונוץ געקומען, שוין לאַנגע צייטן וואָס איך ווייס פון אַ קרוב מיינעם וועלכער האָט פאַרלוירן $10,000 אין אַ פאָנד, איך האָב געוואוסט אַז עס דאַרף צו זיין אַ וועג עס צוריקצובאַקומען, אָבער איך האָב זיך נישט אַזוי גוט אויסגעקענט מיט׳ן סיסטעם און טראָץ מיינע זוכענישן האָב איך נישט געקענט אויפקומען מיט די שפורן פונעם געלט, איך בין געפירט געוואָרן פון איין פירמע צום צווייטן און איך האָב אויסגענוצט שעה׳ן צייט רופנדיג צענדליגער נומערן אָבער אָן ערפאָלג.

איבערקוקנדיג די ליסטע אינעם פאַרגאַנגענעם הקריה בין איך ערשטוינט געוואָרן צו געפונען די פירמע וואו מיין קרוב האָט געלאָזט דאָס געלט פאַרפאַלן, און אַדאַנק דעם האָב איך אָנגעהויבן די פראָצעדורן צוריקצובאַקומען דאָס געלט פאַר אים. דאָס מיינט אָפגעראַטעוועט אידיש געלט פון איבער עשרת אלפים, וואָס קען געוויס יעדן איד גוט צונוצקומען.

איך שרייב דאָס צו צום מאַמר חז״ל: ״מגלגלין זכות על ידי זכאי״, און עס איז טאַקע פאַסיג אַז די חברה ה׳ווילידזש, וועלכע אַרבעטן טאָג און נאַכט פאַר׳ן וואוילזיין פון די איינוואוינער בכלל ובפרט, זענען געווען די שלוחים צו העלפן אַ איד צוריקבאַקומען זיינע פאַרלוירענע געלטער.

חזקו ואמצו, און איך וואונטש אייך אַסאַך הצלחה אין אייער הייליגע אַרבעט.

*אין נאמען פון מיין קאקונ״ט*

## דרוקט אויס הילף פאַר׳ן העלפן מיט וואַסער פראָבלעם

אַל כבוד מערכת פונעם צייטונג הקריה.

איך האָב דורך די שפאַלטענס פון אייער צייטונג געוואָלט זאָגן אַ יישר כוח פאַר ר׳ יעקב גליק, דער באַגאַבטער פירער פונעם ווילידזש וואַסער דעפאַרטמענט, פאַר׳ן מיך העלפן מיט אַ וואַסער פראָבלעם.

שוין אַ שטיק צייט וואָס די וואַסער ביי מיר אין שטוב רינט שטאַטליך, עס קומט אַרויס פון סינק און פון וואַנע גאָר פויל און צוביסליך, אין איין וואָרט: ״ווינציג וואַסער פרעשור״.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט איבער׳ן פראָבלעם האָט מען מיר געקירעוועט צום ר׳ יעקב גליק דער פירער פונעם ווילידזש וואַסער דעפאַרטמענט, וועלכער האָט נאָך אויספרעגונגען באַנומען אַז איך האָבן אין בעיסמענט אַ וואַסער פרעשור רעדוצירונג מאַשינקע, און כדי צו העכערן די וואַסער פרעשור דאַרף מען דעם שרויף אויפ׳ן מאַשינקע דרייען צום העכסטן.

דהיינו, די געוועהנליכע וואַסער פרעשור אינעם וואַסער מעין פייפ סיסטעם אין שטאָט איז ביי אַרום 110-120 פרעשור פער סקווער אינטש (פי. עס. איי.), אָבער ווען עס קומט אַריין אין די צווייגלעך פייפס אַריין צו די היימען ווערט דאָס דורכ׳ן סיסטעם רעדוצירט צו אונטער 80 פי. עס. איי., וועלכע איז די מאַקסימום דרוק וואָס האַוזהאָלד פייפס קענען דערהייבן.

ביי מענטשן וואָס וואוינען אין די נידריגערע טיילן פונעם שטאָט, האָבן זיי נאַטורליך מער וואַסער פרעשור, ביי זיי דאַרף מען אינסטאָלירן אין בעיסמענט אַ ״פרעשור רידוסינג דעווייז״, אַ מאַשינקע וואָס רעדוצירט די וואַסער פרעשור אַז עס זאָל נישט שעדיגן די פייפס אין שטוב.

די מאַשינקע קען אַראָפברענגען דעם וואַסער פרעשור מיט 25 פונקטן ווען עס איז אָנגעשטעלט צום נידריגסטן פונקט, דאָס הייסט דאַן מאַכט דאָס אַז דאָס וואַסער זאָל אַריינקומען ביי בערך 50 פי. עס. איי., אַז מען דרייט דאָס צום העכסטן, וואָס דאָס טוט מען דורך אריינשרויפן דעם קאָנטראָל שרויף צום מאַקסימום שטייפקייט, איז די וואַסער פרעשור ביי 75 פי. עס. איי.

אָט דאָס האָט מיך ר׳ יעקב גראָטן, איך זאָל אַראָפקריכן אין קעלער און אריינשרויפן דעם שרויף וואָס קאָנטראָלירט דעם ״פרעשור רידוסינג דעווייז״ צום מאַקסימום, און דערמיט העכערן די וואַסער פרעשור אין שטוב צום מאַקסימום, און יאָ, דאָס האָט געהאָלפן.

איך שרייב דעם בריוו עס זאָל דינען פאַר אינפאָרמאַציע פאַר אַנדערע מענטשן און אויך צו זאָגן אַ יישר כח פאַר׳ ר׳ יעקב גליק פאַר זיין טרעפליכע ראַט.

מיט שעצונג און אַנערקענונג.

אייער פריינט

*א. פ.*




**א וואסער ליעק נאטיץ וואס דער ווילידזש האט ארויסגעשיקט אין די לעצטערע וואכן פאר נאנט צו 400 משפחות נאכ׳ן ווערן אלארמירט דורך די סאפיסטיקירטע וואסער מיטערס אז די באטראפענע הייזער פארמאגן גרעסערע אדער קלענערע וואסער ליעקס, דער שריט האט איינגעשפארט אסאך אידיש געלט פון גיין לאיבוד**



# מעלדונג!

**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן ווי אזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע אדער אויב איז אונזער אויסגאבע נישט אנגעקומען צו אייך אדער באקאנטע**

**ביטע פעקסט אריין אויף:**

**774-7945**

**אדער שיקט אריין אויף די פאסט:**

**Hakiryah 3 Chevron Rd. # 3-A, Monroe, NY 10950**

**אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג**

מיט שעצונג

**די רעדאקציע**

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

-Transportation Department-

# וויכטיגע אויפמערקזאמקייט!

## מיר ווילן אויפמערקזאם מאכן דעם עולם

אז דורכאוים די ווינטער חדשים

**איז נישט ערלויבט צו פארקן אויף די גאסן אין קרית יואל**

ווען איר פארקט אויפ'ן גאס טוט איר דערמיט

**אריינשטעלן אין א סכנה איירע אייגענע קינדער**

- באסעם פארשפעטיגן צוליב דארפ'ן ארומפארן די קארס און **אייער קינד** ווערט קאלט ווארטנדיג פאר'ן באס.
- קינדער קענען ארויסלויפן אונטער געפארקטע קארס, וואס שטעלן מער אין סכנה **אייער אייגן קינד**.
- באסעם קענען נישט אריינפארן צו די דעד-ענד גאסן, און **אייער קינד** ווערט אראפגעלאזט פון באס 2 בלאקס אוועק פון אייער הויז.

**ביטע באשיצט איירע אייגענע קינדער**

# פארקט נישט אויפ'ן גאס!

אויב אייער שכן פארקט אויפן גאס טוט ער דערמיט שטעלן אין סכנה **אייער קינד**.

מיט אכטונג

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



בס"ד
עזרת חולים
קרית יואל
E.C. H.C.
Ezras Choilim Health Center
(845) 782-3242
טויש אין דאטום!
אין ליכט פון דעם קורץ-שלוס
פארגאנגענעם זונטאג
בשורה טובה! ספעציעל
פאר אונזערע פאציענטן
מיט גרויס פרייד ווילן מיר מעלדן פאר אונזערע
חשוב'ע פאציענטן, אז מיר עפענען א ספעציעלע
Flu Clinic
אינעם העלט סענטער
וואו מען וועט געבן די
Flu Shots
במשך איין טאג!
קומענדיגן זונטאג פ' וירא
11am - 6pm | Nov. 6 למס'
No appointment needed
On a first come, first serve basis
אכטונג! יעצט איז די צייט צו באקומען
די וויכטיגע flu shots, וואס ווערט
רעקאמענדירט דורך די העלט
דעפארטמענט פאר יעדן, ספעציעל פאר
יונגע קינדער און עלטערע מענטשן.
DESIGN & PRINT / 845.782.3382
געדענקט: די פלו-שאטס נוצט נאר בעפאר איר באקומט די פלו, דערנאך
איז עס שוין נישט ווירקזאם. דעריבער,ווארט נישט אויף די לעצטע מינוט!
מיט דאנק: הנהלת עזרת חולים
The Entire Family is Welcome From Adult to Children

## ווען שטימט מען?

דינסטאג, למס. Nov. 8

## וועלכע צייט שטימט מען?

פון 6:00 פארטאגס ביז 9:00 ביינאכט

## פאר וועמען שטימט מען?

פאר די אנ"ש אינדארסירטע קאנדידאטן

## וועמען העלפט מען בעז"ה מיט'ן שטימען?

אונז און אונזערע באקאנטע

## וואו שטימט מען?

# אין "קרן ויואל משה" בילדונג




# יעדע שטימע איז זייער וויכטיג!

ביטע קומט אין די ערשטע שעה'ן פון טאג